STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06490

OFENE FENTSTER

Pintshe Berman

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פינטשע בערמאן

*

אפענע פענצטער

פּינטשע בערמאַן

אָפענע פענצטער

לידער

פארלאג
י.ל.פרץ
ביבליאטעק
תל-אביב, ישראל

1960

פינטשע בערמאַן / אָפענע פענצטער
פאַרלאַג י. ל. פרץ־ביבליאָטעק, תל־אביב, רח' אלנבי 31

Published by I. L. Peretz Library
31 Allenby Str., Tel-Aviv, Israel

OFENE FENZTER / POEMS
by PINTCHE BERMAN

7045 Ranchilo Van Nyus, Calif., U. S. A.

©

נדפס בישראל
Printed in Israel 1960

דפוס „אורלי", רח' יסוד המעלה 27, תל־אביב

איך דאַנק האַרציק דעם קאָמיטעט און אַלע פריינד, וואָס האָבן מיר געהאָלפן אַרויסגעבן דאָס בוך. אַ באַזונדערן דאַנק די ליבע חברים: דעם דערציילער און עסייאיסט י. פרידלאַנד, דעם נאָוועליסט נח גאָלדבערג, דעם ליבן און האַרציקן פאָלקס־מענטש מלכה רויזנ־בלאַט און מיין טייערן פריינד, דעם דיכטער ז. בונין, וועמענס וואַרעמקייט און האַרציקייט צו מיר האָט גאָרנישט קיין גרענעץ. זייער אַלעמענס דערמוטיקונג און הילף האָט דערמעגלעכט מיין בוך צו זען די ליכטיקע שיין. איך דאַנק אויך מיין ליבן ברודער ד״ר פאַביוס בערמאַן, וועמען ס׳איז אַזוי טייער דאָס יידישע וואָרט.

פינטשע בערמאַן

אָפּענע פּענצטער

איינמאָל גאַנץ פרי

געווען איז גאַנץ פרי, ס'איז דער טאָג נאָך געשלאָפן,
דער טוי האָט געגלעט די פאַרחלומטע גראָזן;
אַ ווינט האָט פאַרשפּעטיקט געאײַלט זיך צום צפון,
אַ שטערן אַ לעצטער דעם רוים האָט פאַרלאָזן —

און פּלוצלינג אַ פויגל האָט שאַרף זיך צעזונגען,
און ס'האָבן זיך נעסטן צעטשוכעט פון דרימל,
אַ כאָר דורך די צווייגן האָט באַלד זיך צעקלונגען,
געפירט פון דעם ווינט אין אַ תפילה צום הימל.

און איך, אַ געהילטער אין בלוי פון באַגינען,
דערפילט האָב אַ קוש אַזוי צאַרט אויף מיין שטערן,
און באַלד פון די דעכער גענומען האָט רינען,
געוויין פון דער נאַכט, אירע בלאַס־בלויע טרערן.

און פּלוצלינג — אַ שטראַל, און איך האָב אים דערזען דאָן —
און לײַכט איז געוואָרן מײַן געמיט, ווי אויף פליגל.
אַ צעל האָט צעפּראַלט זיך און כ'האָב אים דערקענט דאָן —
דער אייביקער סוד האָט פאַרלאָרן זײַן ריגל.

און העל איז געוואָרן, און ליכטיק, און לײַכטער,
און דורשטיק מײַן אויג האָט דעם וווּנדער געטרונקען.
מײַן ברעם איז געוואָרן אַלץ פײַכטער און פײַכטער,
און ס'האָט זיך מײַן האַרץ אין דער שטילקייט צעזונגען...

אין אייביקן ווונדער

אָ, גאָט, ווי עס צויבערט מיך אַלץ אין באַשאַף,
דער מענטש, און דער בוים, און די חיה!
איך קוק און איך טראַכט, און איך ווונדער און גאַף
אויף אַלטע, אויף יונגע, אויף נײַע.

ס'איז ווער מיט זײַן קרייץ, און ווער מיט זײַן פרייד
אין לעבן אַזוי דאָ געבאָרן,
און אַלע זיי ווערן געקושט פונעם טויט:
די בלום, און די בין, און דער דאָרן.

עס גייט אוים מײַן הארץ מיר צו אַלע און אַלץ,
ווײַל ס'פעלט נישט קיין הייוון ביי קיינעם...
אין יעדער פון ווונדער — באַשאַף איז דער זאַלץ,
מײַן זעל טראָגט אַ גרוס יעדן איינעם.

באַגעגן איך ווועמען אין ווי און אין לייד —
לײַד איך מיט אים זײַנע ווייען;
באַגעגן איך איינעם, וואָס שפּרודלט מיט פרייד —
גיי איך צוזאַמען זיך פרייען.

נישט שטענדיק

נישט שטענדיק איז זון בלויז דאָרט הויך אין די הימלען,
אַמאָל איז זי אויך אין דער טיף פונעם קעלער —
אָט דאָרטן, ווו שאָטנס די שטענדיקע דרימלען,
אַמאָל אויך צעפראַלט זיך אַ שטראַל דאָרט אַ העלער.

נישט שטענדיק איז וואַרעם בלויז נעבן דעם פײַער,
אַמאָל גליט אַ פונק אויך אין קאַלטע געצעלטן —
עס דאַרף נאָר דײַן בליק און געמיט זיין אַ פרײַער,
דאַן ווייעט אַ וואַרעמקייט אויך פון די קעלטן.

נישט שטענדיק איז פרייד אין פאַרשײַטע געזאַנגען,
אַמאָל קלאָגט דער צער אויך אין מיידלשע חנען —
ווען ס׳זיצן די פייגל אין שטייגן געפאַנגען,
דערהערט מען אַ פרייד אין די שטילע געוויינען...

ווער עס האַלט זײַנע טירן — — —

ווער ס'האַלט זײַנע טירן אויף ריגל און שלעסער,
און פענצטער פאַרהאַקט ער מיט לאָדן און פּרענט.
איך — מײַנע שוועלן זיי ווינקען צום וואָגלער —
קלאַפּט שטענדיק אין שויב מיר אַ זוניקער בלענד.

ווער ס'רינגלט אַרום זיך מיט דראָט און מיט צוימען,
און אָפענע שליאַכן פאַרבויט ער מיט וואַנט.
איך — מײַנע וועגן זיי זענען צעפּראַלטע —
באַגעגנט מיך שטענדיק אַ פרײַנדלעכע האַנט.

ווער ס'בעט אין דער שטיל און פאַררוקט אין אַ ווינקל,
און זינגט פון זײַן פּיין נאָר, באַהאַלטן, פאַרשטעלט.
איך — מײַן געזאַנג גייט מיט ריקוד און חדווה —
זינגט מיט מיר גאָט און די גאַנצענע וועלט...

באַלאַדע

זינג מיר, אָ, זינג מיר דאָס ליד פֿונעם לעבן,
וואָס האָט נישט קיין אָנהייב און האָט נישט קיין ענד.
זינג מיר פֿון אייביקן קוואַל, ווו עס שפּרודלט
מיט קלאָרקייט פֿון טרערן, מיט בליציקן בלענד.

זינג מיר פֿון פֿרייד אין דער רחבֿות פֿון פֿליגל,
וואָס הייבן זיך העכער פֿון דאַך און פֿון בוים,
און דרייען זיך ציללאָז, אין קרייזן פֿאַרכישופֿט,
און שוועבן און שוועבן — דורך צײַט און דורך רוים.

זינג מיר, אָ, זינג מיר פֿון ריטעם אין הערצער,
פֿון ציטער אויף סטרונעס, פֿון טענער אָן צאָל;
זינג מיר פֿון פֿעלדער, פֿון וועלדער, פֿון לאָנקעס,
זינג מיר פֿון טײַך, און פֿון באַרג, און פֿון טאָל.

זינג מיר פֿון אייביקן דאָרן, וואָס פֿלאַקערט,
וואָס ברענט אָן אָן אויפֿהער און ווערט נישט פֿאַרברענט.
זינג מיר, אָ, זינג מיר דאָס ליד פֿונעם לעבן,
וואָס האָט נישט קיין אָנהייב און האָט נישט קיין ענד.

מיין וועלט איז אַן אייביקער חלום

מײַן וועלט איז אַן אייביקער חלום —
נישט מעסט און נישט וועג אויפֿן וואָג —
די זון גייט דאָ קיינמאָל נישט אונטער,
די שטערן אויך פֿינקלען בײַטאָג.

און אַלץ דאָ פּולסירט און באַוועגט זיך,
און אַלץ דאָ איז ליכטיקער וואָר,
ווי דאָס וואַסער אין האַרץ פֿון די טאָלן,
וואָס צעמורמלט זיך קוואַליק און קלאָר.

עס טראָגן מיר אוראַלטע בשורות
פֿון לאַנג שוין געמינערטן גרויל,
טויבן אויף לויטערע פֿליגל,
מיט פּריטלעך פֿון בעז אינעם מויל...

און ווינטן זיי ברענגען מיר גרוסן
פֿון גאָרטן, פֿון לאָנקע, פֿון פֿעלד,
פֿון איילבערטן צײַטיק אויף בוימער,
פֿון קאָרן פּאַרזייט און צעהעלט.

און פייגל דערציילן מיר וווּנדער
פון אַ ווײַט און אַן אויסטערליש אָרט,
וווּ ס׳ גייט אויף דאָס ליד פון מײַן זעלע,
וווּ עס עכאָט דער קלאַנג פון מײַן וואָרט...

מײַן וועלט איז אַן אייביקער חלום,
מײַן לעבן — אַ פאַרכישופטער ראָד.
דרייט זיך דער ראָד אינעם קאָסמאָס,
דריי איך זיך אין קאַראַהאָד.

מײַנע שטערן

מײַנע שטערן שימערירן,
נישט אין הימל, נאָר אויף ערד —
גליט אַ פֿונק אין האַרץ, וואָס צאַפּלט,
שײַנט אַ בלענד אין אויג, וואָס טרערט...

מײַנע פֿייגל זינגען לידער
נישט אין צעלן, נאָר אויף צווײַג —
שוועבן פֿליגל אין די רוימען,
שטייט אַ ליידיקע די שטײַג...

מײַנע פֿלאַמען ברענען העלע
נישט אין לאַווע, נאָר אין בלוט —
שמעלצן קייטן זיך אין פֿײַער,
צינדט און סמאַליעט זיך די רוט...

מײַנע שטראַלן ראַדעװירן
נישט פֿון זונען אין דער הויך —
שפּאַרט אַ ליכט זיך דורכן חושך,
רײַסט אַ בליץ זיך דורכן רויך...

דאָס ליד פון לעבן

אין דעם רחבותדיקן גליטער
פון די שפּע־פולע בייטן —
הער איך פּייפן דאָרט די ריטער,
הער איך יאָמערן די קייטן.

אין דער פרייד פון דעם געלאַקטן
צו דעם טאַנץ פון בלויע פלאַמען —
כ׳הער אַ וואָרט אַ נישט געזאָגטן —
כ׳הער די שטים פון שטומע שטאַמען.

אין דעם בייזן זשום־און־שיפּען
פון דער האַק אויף שטיין אויף טעמפּן —
כ׳הער פון בוים אַ שטילן כליפּען,
פון זיך ראַנגלען און פון קעמפּן.

טראָגט דער ווינט אויף זײַנע פליגלען,
מיט אַ שופרדיקן שאַלן,
איבער בערג און איבער זעגלען,
אַ קוש צו דעם, וואָס איז געפאַלן.

בייגן זיך די קני פון יעגער
אין אַ תפילה פון פאַרגעבן —
גייט דאַן אויף אין אַלע הויכן
אַ געלײַטערט ליד פון לעבן.

פֿאַראַן אַזויפֿיל גוטסקייט אויף דער וועלט

פֿאַראַן אַזויפֿיל גוטסקייט אויף דער וועלט,
פֿאַראַן אַזויפֿיל שיינקייט אָן אַ צאָל —
עס דאַרף נאָר די נשמה זיַין צעהעלט,
מען דאַרף עס נאָר אַ זוך טאָן ווען אַמאָל.

פֿאַרבט די זון דעם מזרח אוים מיט גאָלד —
וואַשן זיך די גראָזן דאָן מיט טוי;
האַלדזן זיך די טויבן האַרציק-האָלט —
ווערט פֿול די נעסט מיט ליבע און געטרוי.

פֿאַראַן אַזויפֿיל חברשאַפֿט אַרום,
פֿאַראַן אַזויפֿיל ליבשאַפֿט אָן אַ ברעג —
עס דאַרף נאָר זעל צעשטראַלט זיַין אומעטום,
עס דאַרף נאָר זיַין באַלויכטן יעדער וועג.

צינדט זיך אָן דער מאָרגנשטערן פֿרי —
נעמען אַלע שאָטנס זיך צונויף;
פֿלאַמען אויף די הימלען מיט אַ גלי —
עפֿענען זיך אַלע קנאָספּן אויף.

פאַראַן אַזויפיל ברידערלעכע פרייד,
פאַראַן אַזויפיל מוטערלעכער גליק —
עס דאַרפן נאָר די פעלדער זײַן פאַרזייט,
עס דאַרף נאָר זײַן אַ פונק אין יעדנס בליק.

דער בלויער טאָג וועט קיינמאָל זײַן פאַרשטעלט,
זינג נאָר מיט די פייגל אויפן קול...
פאַראַן אַזויפיל גוטסקייט אויף דער וועלט,
פאַראַן אַזויפיל שיינקייט אָן אַ צאָל.

ווילט זיך לעבן

האָט די זון זיך אויסגעטשוכעט,
פון איר בעט אַרויסגעשפּרונגען,
זיך צעהוליעט אַזוי ברייט —
פֿראַלן אויף פּאַר דיר זיך וועלטן,
ווערן פולע דיינע לונגען,
נעמט דיר דורך אַזאַ מין פרייד —
ווילט זיך לעבן! ווילט זיך לעבן!

האָבן קנאָספּן זיך צעעפנט,
האָבן גראָזן זיך צעזונגען,
האָבן פייגל זיך צעשטיפט —
ווערט דיר וואַרעם אין די בלוטן,
ווערט אין האַרצן דיר אַ יום-טוב,
און אין גוטסקייט עס צעטריפט —
ווילט זיך לעבן! ווילט זיך לעבן!

נו איז וואָס, אַז דו ביסט גרוי שוין —
דעמבעם קוקן נישט אַרונטער,
נאָר צו הימלען הויך מיט מוט.
אַלצדינג קאָן די צײַט פאַרלעשן,
נאָר נישט פייערן, וואָס ברענען
און וואָס פלאַקערן אין בלוט —
ווילט זיך לעבן! ווילט זיך לעבן!

צום העלן פרימאָרגן

אַ לויב צו דעם אָנהייב, דעם אייביקן אָנהייב,
וואָס קומט, ווי דער מאָרגן, אָן רעש און אָן טומל,
און שפּעטער, געהילט אין דעם בלוי פון באַגינען,
באַדעקט ער מיט שטראַלן די ערד און דעם הימל.

אַ לויב צו דעם טײַכל, אין וואַלד דורך די קוסטעס,
וואָס פליסט אַזוי שטיל דאָרט, מיט אָטעם פאַרכאַפּטן,
און טראָגט זיך אין אימפּעט, דורך טאָלן צו ימען,
און שפּעטער, ער שטורעמט דעם ברעג דעם צעקלאַפּטן.

אַ לויב צו דעם בוים, וואָס הייבט אָן מיט אַ פּריטל,
און וויגט זיך דאָרט הילפלאָז, בײַם טײַך, ווי אין דרימל,
און שפּעטער — אַ דעמב דאָרטן לאַכט פון די ווינטן,
און רייסט, ווי אַ מעכטיקער ריז, זיך צום הימל.

אַ לויב צו דעם פּאָרל, וואָס הייבט מיט אַ קוש אָן,
אויף טויִקע גראָזן, אין טונקל פון שאָטן,
און שפּעטער, קומט דער, וואָס פאַרמעסט זיך אויף וועלטן,
און לאָזט זיך אויף וועגן, ווו גאָט האָט געטראָטן...

זינג איך מײַן ליד

אין פּלאַטער פון טרוים,
אין רו פון געמיט,
אין רחבות פון רוים —
זינג איך מײַן ליד.

דער מאָרגן איז גרויס,
נאָר גרעסער דער הײַנט...
דער טאָג איז מײַן טרייסט,
די זון איז מײַן פרײַנד.

אין גלי פון באַגין,
אין פליגל פון טריט,
אין גאָלד פון דער בין —
זינג איך מײַן ליד.

דער הימל איז ברייט
נאָר ברייטער פון אים,
שפּרייט זיך מײַן פרייד,
הייבט זיך מײַן שטים.

פון פּראַכט און פון חן,
פון בלומען צעבליט,
פון לעבן אַליין —
זינג איך מײַן ליד.

אָ, האַר פון דער וועלט!
ווי ליכטיק, ווי גוט,
ווען זעל איז צעהעלט,
ווען זשאַר איז אין בלוט...

ווי זאַנגען אין פעלד

כ'האָב שטענדיק געקליבן, ווי זאַנגען אין פעלד,
און אָפּגעשפּאָרט פולע שופלאָדן
מיט זון, און מיט ליכט, און מיט שטראַלן צעהעלט,
אַ שיף פול מיט אוצרות באַלאָדן.

און שטענדיק האָב איך פולע עמערס געטיילט
פון די אָפּגעשפּאָרט־ליכטיקע קוואַלן,
און קיינמאָל געמאָסטן, און קיינמאָל געציילט —
קומט און נעמט אײַך די שטראַלן!...

נו, איז מען געקומען פון נאָנט און פון ווײַט
מיט בליקן און הענט אויסגעשטרעקטע...
און איך האָב געגעבן, געטיילט אַלע לײַט,
פון אוצרות, די קיינמאָל פאַרדעקטע.

און אַזוי טאָקע האָב איך, פאַרשווענדעריש לאַנג,
יעדן מיט ליכט אָנגעלאָדן,
ביז וואַנען געבליבן — און ס'טוט מיר נישט באַנג —
ליידיקע מײַנע שופלאָדן...

אין פּאַלאַץ פון גינגאָלד

אין פּאַלאַץ פון גינגאָלד, דאָרט קעניגט דער אומעט,
און שפּיגלט זיין סצעפּטער אין בלענדנדיק שײַן.
אין טאַנץ אין פּאַרשייטן, דאָרט הוליעט דער טרויער
און מישט אוים אַ טרער אין דעם שוימיקן ווײַן.

אין טומל צעברויזטן, דאָרט וואַנדערט דער עלנט
און טרינקט זיך אין קלאַנג פון מאַרשירנדע טריט.
אין הילכיק געלעכטער, עס כליפּעט דער צער דאָרט
און ווײַנט אוים זײַן טרויער — אין איובדיק ליד.

אָ, גיב מיר דעם קאַמער מיט פענצטער פאַרהאַקטן,
ווו ס׳ברעכט זיך אַ שטראַל דאָרטן דורך איבערגעוואַלד,
און ס׳שפּרודלט דאָס האַרץ אין אַ זוניקער גליווּנג,
און ליבע צעפּלאַטערט, און ענגשאַפט דאָרט שאַלט.

אָ, גיב מיר די שטילקייט פון וואַלד בײַ דעם וואַסער,
ווו דו קאָנסט פאַרנעמען דײַן אייגן געמיט,
און ס׳בלענדט דײַן נשמה מיט קוואַליקן לויטער,
און ס׳רעדט צו דיר גאָט, און עס גייט אויף דײַן ליד.

אָן אַ ליד און אָן געזאַנג

אָן אַ ליד און אָן געזאַנג,
איז ווי אַ שטימע אָן אַ קלאַנג,
ווי אַ זעגל אָן אַ ווינט,
ווי אַ היים, וואָס האָט קיין קינד.
אָן אַ ליד און אָן געזאַנג,
איז ווי אַ ווילן אָן אַ דראַנג,
ווי אַן אויג, וואָס האָט קיין שײַן,
ווי אַ בעכער אָן דעם ווײַן.
קומט פֿאַרטאָג אַרויס די זון —
ווייסט דאָן קיינער נישט דערפֿון.
ווײַזן שטערן זיך בײַנאַכט —
זעט נישט קיינער, קיינער טראַכט.
טרינקט דער טוי די גראָזן אָן —
קיינעם גייט עס גאָרנישט אָן...
ס'איז די וועלט אין אַ געפֿאַנג;
ס'האָט דאָס לעבן קיין פֿאַרלאַנג;
נישט קיין זין, און נישט קיין מיין,
אַלץ איז שטויב, און אַלץ איז שטיין.
ס'איז די גאַנצע ערד אַ שטײַג.
נישט קיין בוים און נישט קיין צווײַג,
נישט קיין גראָז און נישט קיין בלום,
ווען די פֿייגל זענען שטום...

איך און דו

און ברענגען די ווינטן פון ערגעץ מיר גרוסן,
און טראָגן אַ טרייסט מיר דורך גראָז און דורך בוים —
וויל איך מיין שכן זאָל אויך פון דעם וויסן,
וויל איך די טרייסט זאָל זיין אויך פאַר זיין היים.

און ווינקט צו מיר פריידיק און בלענדענד דער מאָרגן,
און שמייכלט מיר זוניק און ווארעם דער הײַנט —
וויל איך די פרייד זאָל נישט זיין דאָ פאַרבאָרגן,
וויל איך די פרייד זאָל זיין אויך פאַר מיין פרײַנד.

דאַן הייבט זיך מיין זעל, ווי אויף פליגלען צעשטראַלטע,
דאַן פלאַמט אויף אַ וווּנדער באַפרײַונג אין מיר,
ווייל ס'קאָנען זיין גראַטעס אויף פענצטער צעפראַלטע,
עס קאָנען זיין ריגלען אויף אָפענער טיר...

טאָ זאָלן מיט אימפעט פון טײַך איבער ברעגן,
טאָ זאָלן מיט ברויז פון אַ וואַסער-פאַל ווו
צעפראַלן מיט ליכט אַלע שליאַכן און וועגן,
ווו ס'בלאַנדזשען דאָרט איינזאַמע איך און אויך דו...

ברידער מיינע

איך וויל נישט זײַן דער לעצטער פונעם דור,
איך וויל נישט זײַן דער אָנזאָגער פון סוף! —
איך זע, ווי אויפן טראָן דאָרט זיצט די וואָר,
איך זע, ווי חלום איז פאַרוויגט אין שלאָף...

אָ, ברידער, ווי איך האָב אייך ליב אַזוי!
כאָטש בלויז אַ שטרוי אין ווינט בין איך ביי אייך, נישט מער.
מײַן כוס איז שטענדיק אויסגעמישט מיט וויי,
און שטענדיק איז מײַן מאָלצייט מיט אַ טרער...

אָ, ברידער מײַנע, דאָרטן בײַ דעם ראַנד,
וואָס זאָגן אָן: דער וועג איז שוין צו ענד,
אַוווּ איז זי, די אויסגעשטרעקטע האַנט?
אַוווּ איז ער, דער אויסגעבענקטער בלענד?

קומט אַ רעגן אָן, אַ פרישער, קיל און קלאָר —
בין איך אַ לאַם דאַך, אין דער גרויסער סטאַדע שאָף...
אָ, כ׳וויל נישט זײַן דער לעצטער פונעם דור,
איך וויל נישט זײַן דער אָנזאָגער פון סוף.

ווי נעמט מען דאָס וואָרט

עס וואַרט די מוזיק פון מיין האַרץ אויפן וואָרט,
ס'זאָל קומען און טרינקען איר קוואַליקע פרייד,
ווי אויסגעבענקט ס'טרינקט פון דעם רעגן אין פעלד
זיַין שפּע — די דאָרשטיק־ פאַרוואָרלאָזטע בייט.

עס וואַרט פון מיַין זעלע די האַרפע אויף ווינט,
כ'זאָל קומען פאַרנעמען אויף פליגלען איר קלאַנג,
און שפּרייטן אין ענדלאָזן ליכטיקן רוים
איר האָפערדיק־שטראַליקן שטילן געזאַנג.

א מאָל בלויז פון פרייד, און אַ מאָל בלויז פון לייד, —
נאָר שטענדיק די טענער זיי ברויזן געשווינד,
און רײַסן פאָרוים זיך, ווי כוואַליעס פון ים —
ווי נעמט מען דאָס וואָרט! ווי נעמט מען דעם ווינט!

אָפּענע פּענצטער

דער, וואָס ער שוועבט מיט די אָדלערס אין רוימען,
דער, וואָס ער פלאַטערט אין זוניקן שיין —
אים וועט קיין העלישער ווייטיק נישט צוימען,
אים קאָן נישט ברעכן קיין איובשע פּיין.

און קלאַפּן אין לאָדן צעררייצטע געשפּענסטער,
און וואָיעט דער ווינט אין אַ ווילדן דיסקאָרד —
דער, וועמען ס'ציט צו דעם אָפענעם פּענצטער,
וועט אויפגיין און לײַכטן אין לויטערן וואָרט.

אַ נאַכט אַזאַ

די נאַכט האָט געקלאַפּט אין די וואָלקנס,
ווי אַ שיכור אין פאַרשלאָסענע שענקען.
דער ווינט האָט זיך ערגעץ געאײַלט,
מיט הויפנס פולע מיט טרערן.
ביים ראַנד האָט געתהלימט דער הימל
אין צער און אין פיינלעכן בענקען,
און לאַנגזאַם געפירט אויף אַ קייט
אַ טונקל־פאַרחלומטן שטערן.

אַ דאַך האָט זיך ערגעץ צעקרעכצט דאָרט,
ווי אַ קראַנקער צעוויטיקטער חולה.
אויף אַ וואַנט האָבן שאָטנס צעטאַנצט זיך,
אין אַ לוסטיקן דזשיג און פאַרשײַטן.
אין גאָרטן האָבן ביימלעך געדרימלט,
פאַרטייעטע, נאַקעטע און הוילע.
אויפן ברוק האָט געפּרעסן די שטילקייט
אַ פלאַמיק גאַלאָפּ פון דער ווײַטן.

די לאַנקע אַרום האָט צעגרילט זיך,
מיט טראָציקער טויבקייט אין לופטן:
אַלץ איז דאָ מײַנס און מײַן אייגנס!
אַלץ איז נאָר מײַנס דאָ אַצינדער!

אויף אַ פֿאַרקאַן אַ קאַץ האָט געחלומט,
די וואָנצעס מיט פֿעדערן־דופֿטן.
אַ פֿויגל אין הויך האָט געפּלאַטערט —
געזוכט אין אַ נעסט אירע קינדער.

אַ הונט האָט זיך ערגעץ צעגריזשעט,
און כּעסיק געבּרילט און געוואָרנט.
די רויזן־קוסט האָט זיך פֿאַרשלאָסן
אַהינטער איר פֿאָרהאַנג און לאָדן.
פֿון אַ פֿענצטער האָט שאַרף זיך צעקייקלט
אַ מענערשע קללה, געצאָרנט.
אַ פֿרויען־קול האָט זיך צעכאַט,
אין שרעק און אין טרערן געבּאָדן.

און איך בין געזעסן אין טונקל,
האַרט בײַ דעם פֿענצטער צעפּראַלטן,
מיט בּליקן פֿאַרגאַפֿט און אין וווּנדער,
דער שלאָף שוין פֿון לאַנג אָפּגענומען.
דער טוי האָט געקושט זיך מיט גראָזן
און אויך מיט מײַן שטערן דעם קאַלטן.
די נאַכט האָט געווישט זיך די אויגן —
אַ בּליאַסק אויפֿן טאָג וועט באַלד קומען.

דער גאַסט

ביימער דאַווענען, וויגן זיך אין הודו,
קוואַלן טיפֿע מורמלען, זינגען שירה,
ווינטן ווייען, טראָגן שטילע גרוסן,
פֿייגל טרעלן, זאָגן אָן די בשׂורה:

אין מאָרגן־גאָלד, אין טוי אָן איינגעהילטער,
פֿון ערגעץ ווו, און פֿון אַ לאַנד אַ ווייטן,
מיט פֿרייד צעהעלט, און אין גאַלאָפּ צעבליצטן,
עס קומט אַ גאַסט אַ לויטערער צו רײַטן.

שמעלצן זיך, ווי וואָלקנס אין פֿרימאָרגן,
אַלע ווייען, אַלע וויסטע פּײַנען...
הייבן אָן די מידע־מאַטע אויגן,
ווי די העלע זון, אויפֿסנײַ צו שײַנען.

גייט ווידער אויף די האָפֿענונג אין הערצער
ווי אין פֿעלד דער יונגער גרינער קאָרן;
זינגט די ערד צו זיך אַליין אָן אָדע —
עס קומט דער גאַסט, דער גאַסט ער קומט צופֿאָרן.

ראַמט מען אָפּ דעם שטויב פֿון אַלע שליאַכן,
פֿון אַלע וועגן נעמט מען צו די צאַמען —
זאָל דער גאַסט, דער לויטערער, דערפֿאָרן!
זאָל דער גאַסט, דער ליבער, נישט פֿאַרזאַמען!

און זיי קומען און זיי זאָגן

I

און זיי קומען און זיי זאָגן:
ס'איז די נויט, וואָס צינדט אָן ליכטער,
ס'איז דער ווינט, וואָס ווייט אויף זאַנגען,
ווי וואָלן פאַר געזיכטער,
ווי די פילטערס פאַר געטראַנקען.

און איך ענטפער און איך זאָג זיי:
ס'איז די פרייד, וואָס ברענט אין זונען,
ס'איז דער שטראַל, וואָס גלאַנצט אין אויגן,
ווי דער זייַד, וואָס ווערט געשפּונען,
ווי קאָליר אין רעגנבויגן.

II

און זיי קומען און זיי זאָגן:
ס'איז דער אומעט, וואָס עס לייַטערט
און עס מאַכט דייַן זעל צו שטייַגן.
ס'איז דער שטורעם, וואָס דערווייַטערט
פון דעם בוים די דאַרע צווייַגן...

און איך ענטפער און איך זאָג זיי:
ס'איז די חדווה אין געמיטער,
ס'איז די זעלע, וואָס צעפליגלט,
ס'איז דאָס האַרץ, צעברויזט אין לידער,
וואָס עס עפנט שלאָס און ריגל...

III

און זיי קומען און זיי זאָגן:
ס'איז דער טרויער, וואָס עס הייליקט,
ס'איז דער צער, וואָס מאַכט פאַרשטענדלעך,
ס'איז די פּיין, וואָס איז באַטייליקט
אין אַ וועלט, וואָס קיין מאָל ענדלעך.

און איך ענטפער און איך זאָג זיי:
נאָר אין טאַנץ איז דאָ אַ תּפילה,
נאָר דאָס ליד פאַרמאָגט געבעטן,
ס'איז געזאַנג אין צײַט פון נעילה,
וואָס דערהייבט דיך און טוט גלעטן.

IV

און זיי קומען און זיי זאָגן:
ס'איז דער טויט, וואָס מאַכט סך־הכּל,
ס'איז דער סוף, וואָס האָט אַ ווערט דאָ,
ס'איז דער לעצטער צאַנק פון פאַקל,
און דערנאָך ווערט אַלץ פאַרצערט דאָ.

און איך ענטפער און איך זאָג זיי:
ס'איז דער הײַנט צעהעלט און ציכטיק,
ס'איז דאָס לעבן אַ צעשאַלטער,
ס'וועט דער מאָרגן אויך זײַן ליכטיק,
זאָל דער הײַנט זײַן אַ צעשטראַלטער!

אין צעשפּרודלטער זונשײַן

איך זאָג נישט קיין מוסר, איך גיב נישט קיין עצות,
איך קום נישט מיט שטראָף־רייד פאַר קיינעם —
מײַן ליד איז פון לעבן, פון פרייד און פון ליבע,
איך זינג עס אַליין און אינאייינעם.

איך וועק קיין חרטה, איך רוף נישט צו תשובה,
איך פריידיק צו קיינעם באַזונדער —
מײַן ליד איז פון אויפקום, פון טרוים און דערוואַכונג,
מײַן ליד איז פון אייביקן וווּנדער.

איך מאַך קיין סך הכל, איך מאָן נישט קיין חובות,
איך זוך נישט דעם זינען פון תורות —
מײַן ליד איז פון יוגנט, פון האַרץ וואָס עס צאַפּלט,
פון הײַנט און פון קומענדע דורות.

איך קום נישט מיט ציטער, איך ברענג נישט קיין מורא,
איך טראָג נישט פאַר קיינעם קיין שרעקן —
מײַן ליד איז פון פלאַמען, וואָס ברענען אין בלוטן,
און ברויזן, און רופן, און וועקן.

און קומט אָן אַ וואָלקן, און שפּרייט זיך אָן אומעט —
מײַן אויג איז דאַן שפּאַרזאַם מיט טרערן...
מײַן ליד איז פון פרילינג, מײַן ליד איז פון זומער,
מײַן ליד איז פון בלומען און שטערן.

מיט טוי אויף די ברעמען

אַן אָדע צו דער יוגנט

לאָמיר, ברידער, זינגען ווידער
יענע לידער פון דאָס נײַ,
וואָס געזונגען האָבן יונגען,
ווי די פייגל אויף דער פרײַ.

ס׳קאָן דאָס לעבן זײַן נאָר זוניק,
ווען די וועלט איז פריש און יונג —
לאָמיר, ברידער, צינדן ווידער
אונדזער יוגנטלעכן פונק.

מזרח, מערב, צפון, דרום,
ווײַס און שוואַרץ, און רויט און געל —
ס׳גריסט די זון און שײַנט פאַר אַלע,
אייביק פריש, און אייביק העל.

מעגן קומען מיט אַ ברומען
בייזע ווינטן אויף דער וועלט,
קיין זאַך קאָן די זון פאַרשטעלן,
ווען דאָס האַרץ איז נישט פאַרשטעלט.

נישט די רעגנס אונטערוועגנס
פרישן אָפּ מיט קילן גלעט —
ס׳קאָן אַ גראָז גאָר זײַן אַ דאָרן,
און די רו — אַ קראַנקע בעט...

ווער זשע לעכצט נאָך שטיל געוויינען?
ווער זשע וואַרט אויף לעצטן ווײ?
לאָמיר, ברידער, זיך צעזינגען
הויך און ברוסטיק, אָט אַזוי!

ס'וועלן וואָלקנס זיך צעשמעלצן,
ס'וועט צעשמייכלען זיך די זון.
לידער פרײַע, לידער נײַע —
קאָן ווער אָפּשטיין דען דערפון?

אָ, געבענטשט זאָל זײַן די יוגנט,
פריידיק, האָפּערדיק און פרײַ!
לאָמיר, ברידער, זינגען ווידער
יונגע לידער פון דאָס נײַ.

בלומען פון דער שעה

קלייב צונויף די זאַנגען פונעם טאָג,
נעם צונויף די בלומען פון דער שעה
און פלעכט דיר אוים אַ קראַנץ, ווי קיינער נאָך פאַרמאָגט,
און טראָג עס צו צו דעם, וואָס איז נאָך דאָ...

זוייל מאָרגן — — — יאָ, דער מאָרגן וועט נאָך זיין,
און זון וועט זיין, און לופט וועט זיין, און ים,
נאָר דעם וואָס שרעקט דער הייוון אין דעם וויין,
יענער פילט נישט אויך זיין זיסן טעם...

אַ מאַרמאָרנע קאָלאָנע ווענען ס׳טויג,
און ווער עס וויל אַ מאָנומענט פון שטיין —
מיר ציט גאָר צו דעם שוואַרצאַפּל פון אויג,
און מיין סטאַטוע — בלוט און פלייש אַליין...

איז קלייב צונויף די זאַנגען פון דעם טאָג,
נעם צונויף די בלומען פון דער שעה
און פלעכט דיר אוים אַ קראַנץ, ווי קיינער נאָך פאַרמאָגט,
און טראָג עס צו צו דעם, וואָס איז נאָך דאָ...

אין שפּיטאָל

מיט מאַמישע אויגן און מאַמישע הענט,
עס בייגט זיך די „שוועסטער״ אַריבער מײַן בעט,
און יעדע באַוועגונג פון איר איז אַ בלענד,
און יעטוועדער אָנריר פון איר איז אַ גלעט.

און שטיל, ווי אויף פליגל פון טויבן אין לופט,
עס פלאַטערט אַ לויטערע ווײַסקייט אַרום.
און טיף אין דײַן זעל עפּעס וועקט דיך און רופט,
און ס׳ווערט דיר דײַן ווייטאָג פאַרשטילט און פאַרשטומט.

גייט אויף אין דײַן האַרץ דאָס געזאַנג פון אַ ליד.
ווערסטו, אַ מידער, פאַרוויגט, ווי אַ קינד.
ווערט אַזוי גוט, אַזוי לײַכט דײַן געמיט.
טרוימסטו פון בלומען, פון זון און פון ווינט.

ערשט נעכטן, אַ פרעמדער צו מענטש און צו גאָט,
אויף פלאַמיקן ברוק, און צעזשאַרעטן שליאַך,
אַליין, אין דעם רעש און דעם קאָך פון דער שטאָט,
געזוכט ווי אַ באָדן, אַן אָנלען, אַ דאַך...

און היינט, מיט אויגן צעגלאָצטע און שטאַר.
צעבראָכענער קערפּער — איז טראָגסטו אַ קרוין.
דו ביסט היינט אַ קעניג, אַ מעכטיקער האַר,
און אַלץ איז פאַר דיר היינט, פאַר דיר נאָר אליין...

שפּרייט זיך אַ טוי אוים אויף אויגן פאַרברענט...
בייגט זיך די „שוועסטער" אַריבער מיין בעט —
און יעדע באַוועגונג פון איר איז אַ בלענד,
און יעטוועדער אָנריר פון איר איז אַ גלעט.

און ברויזט אויף דער מאָרגן

און ברויזט אויף דער מאָרגן מיט פלאַם פונעם מזרח,
און ס'הייבט אָן אַרום צו שאַרן אויף טאָג,
זאָג נישט, אַז נאַכט וועט צוריק שוין נישט קומען,
זאָג נישט, אַז חושך איז שוין אין פאַריאָג.

און הערסטו דעם קלאַנג פון צעבראָכענע גראַטעס,
און טרייסלט די לופט אויף אַ ברוסטיק געזאַנג,
זאָג נישט, אַז פענטעם פאַראַן נאָר אין חלום,
זאָג נישט, נישטאָ מער קיין קייטן-געקלאַנג.

און שטראַלט אויף דײַן זעל מיטן גרוס פון אַ ברודער,
און ס'צעצינדט זיך דײַן האַרץ מיטן בלענד פון אַ פרײַנד,
זאָג נישט, אַז האַס איז פון לאַנג שוין פאַרשוווּנדן,
זאָג נישט, נישטאָ מער קיין טראַט פון אַ פײַנט.

יאָ, גוט איז דער חלום פון אייביקן פרילינג,
און ליכטיק דער טרוים פון צעבליצטן קאַיאָר,
נאָר גאָט אַליין טרויערט, ווען ס'פאַלן די בלעטער,
און אומעטיק שווער איז די האַרבסטיקע וואָר.

איז וויל טאַקע דעם, וואָס בײַ אָפענע טירן,
ער היט, אַז זיי זאָלן שוין בלײַבן צעפּראַלט;
איז וויל טאַקע דעם, וואָס ער זיצט בײַ דעם פײַער,
און וואַרעמט זײַן פרייד, ווען דאָס האַרץ איז צעשטראַלט...

עס טרעפט זיך אַמאָל

עס טרעפט זיך אַמאָל און דו קערסט זיך אויף קריק,
ווי אַ וואָגלער, וואָס קומט צום פאַרשאָטענעם וועג,
און ס׳שיינט אויף פאַר דיר דאָס פאַרלוירענע גליק —
מיראַזשן, פון לאַנג שוין פאַרגאַנגענע טעג.

צעפלאַטערט זיך פלוצלינג אַ טויב אין דער לופט —
אַ בשורה אין מיטן צעבייזערטן ים,
און עפּעס דיך מוטיקט, און לאָקט דיך, און רופט,
און ס׳ווערט דײַן געמיט אַזוי לײַכט, אַזוי גראָם.

ווערט וואָרעם און ליכטיק דער פײַנלעכער וועג,
אויף וועלכן אַן עלנטער וואַנדערסט אַצינד;
פליען צום מאָרגן צעזונגענע טעג,
ווי פייגל דורך האַרבסטיקן רעגן און ווינט.

פֿאַראַן אַזאַ פֿייער

פֿאַראַן אַזאַ פֿײַער, וואָס ברענט און פֿאַרברענט נישט,
אַזוי ווי דאָס פֿײַער אין סנה פֿון פֿאַרצײַטן,
עס זשאַרעט דאָס האַרץ און דעם מאַרך און פֿאַרלענדט נישט,
און נאָענט איז אויסלייז, און כישופֿט פֿון ווײַטן.

פֿאַראַן אַזאַ נאָגן, וואָס נאָגט און דערנאָגט נישט,
און אייביק לאָזט איבער נאָך עפּעס צום נאָגן.
פֿאַראַן אַזאַ שלאָגן וואָס שלאָגט און דערשלאָגט נישט,
און ס'בלײַבט נאָך אַ טרער פֿאַר די שטומע פֿאַרטאָגן.

אויך פֿלאַם אין די טיפֿן ברענט אויס און פֿאַרלעשט זיך,
אויך לאַווע אין קראַטער ווערט קאַלט און פֿאַרשטיינערט,
נאָר בלוט, ווען צעצונדן, שוין קיינמאָל פֿאַרלעשט זיך,
און ס'פֿאַרגייען נישט קיינמאָל פֿון האַרץ די געוויינען.

אין דעמער

איך נעם אָן מיט „גם-זו״ די צערן און פּײַנען,
וואָס פּלאָגן מײַן זעלע אין דעמער פון צײַט.
איך ווייס, פאַר דעם וואָגלער, די רו איז אַ זיסע,
נאָך דעם, ווי ער בלאָנדזשעט אין וועג אַזוי ווײַט.

איך טראַכט: אפשר הינטער די טונקעלע ראָגן,
דאָרט רײַסט זיך מיט אימפּעט אַ זוניקער שטראַל;
איך טראַכט: אפשר ערגעץ, אין פאַרמעטענעם מדבר,
עס שלאָגט דאָרט אַ פרישער קרישטאָל-ריינער קוואַל.

עס מאַטערט דער צווייפל, עס מאַטערט ביז יאוש,
איך וועל אים פאַרטרייבן — צי ווייס איך דען ווי? —
עס זעצט זיך די זון שוין אַ גרויסע, אַ רויטע,
דאָך ווילט זיך מיר טרוימען, אַז ס׳איז נאָך גאַנץ פרי.

יאָגן זיך פערד

יאָגן זיך פערד איבער נאַכטיקע הימלען
אין שוואַרצן גאַלאָפּ —
הייבט זיך אַ ברוסט און באַוועגט זיך אין ריטעם
אַרויף און אַראָפּ.

קייקלען זיך רעדער פון פײַער־שאַריאָטן
אויף צעדונערטן ברוק —
פּראַלן אויף אויגן אין ווילדער דערוואַרטונג
מיט פּחד אין קוק.

צערעווען זיך חיות פון טויזנטער העלדזער
מיט גיהנומישן ברום —
וויינט אין דער וויכערשער נאַכט אַ נשמה,
איינזאַם און שטום...

די ווייטע ווייט

אָ, געבענטשט זאָל זײַן די צײַט,
ווען קיין וואָר איז נישט געווען,
נאָר אַ שטערן אין דער ווײַט,
נאָר אַ נס וואָס וועט געשען.

מ׳האָט געחלומט און געשטרעבט,
און מיט פליגלען אין דעם גאַנג,
זעגלען לויטערע געוועבט,
און געשיקט זיי מיט געזאַנג.

ס׳האָט געיובלט דאָן דאָס האַרץ,
ס׳האָט געהאָפערט דער געמיט,
אויך אין דעמערונג און שוואַרץ,
האָט געקלונגען דאָן אַ ליד.

הײַנט איז אַלץ פון לאַנג שוין וואָר,
און די שיף זי שטייט בײַם ברעג.
איז דאָס שוין דער לעצטער דור?
איז דאָס שוין דער סוף פון וועג?

אָ, ווו נעמט מען זי צוריק
יענע חלומדיקע צײַט,
מיט צעהעלטער פרייד און גליק,
און צעשטראַלטער ווײַטער ווײַט?!

דאָס וואָרט איז מיין שאָטן

צינדט אָן זיך אַ פֿײַער אין האַרץ און עס ברענט,
צעפֿלאַקערט אַ פֿלאַם זיך אין זעל און זי גליט,
צעבליצן זיך אויגן מיט שטראַליקן בלענד —
דאָס וואָרט איז מײַן שאָטן און היט מײַנע טריט.

עכאָט פֿון ערגעץ אין לופֿטן אַ קלאַנג,
פֿליגלען זיך טריט, וואָס ערשט נעכטן ווי בלײַ,
רײַסט זיך אין בלוט אַ פֿאַרשטומטער געזאַנג —
דאָס וואָרט איז מײַן שאָטן און פֿאָלגט נאָך געטרײַ.

אַמאָל ווערט אין קאָוועס פֿאַרהאַפֿטעט מײַן וואָרט,
אַמאָל ווערט אין פֿונקען פֿאַרוואַנדלט מײַן פֿלאַם.
דער בלענד אין מײַן אויג דאָך בלײַבט אייביק שוין דאָרט,
און ס'קאָן נישט פֿאַרלעשן די פֿונקען קיין ים.

און קומט אָן די נאַכט, און דער סוד פֿון נישט־זײַן —
מײַן שאָטן איז דאָרט, ווי דער אַנקער פֿון שיף,
ווי דער וואָרצל פֿון בוים, ווי דער הייוון פֿון ווײַן,
ווי דער לויטערער קוואַל, וואָס שלאָגט פֿון דער טיף.

זע — — —

זע, ווי עס באָדט זיך דער חלף אין שײַן,
זע, ווי צעשטראַלט איז פון מעסער זײַן שאַרף —
דאָס חוזקט דער אָפּגרונט פון ווייטאָג און פּײַן,
דאָס שפּילט דער גיהנום אַ טאַנץ אויף זײַן האַרף.

און איך זוך די זון נאָר אין קעלער-שטוב דאָרט,
און איך זוך אַ שטראַל נאָר אין איינזאַמער צעל —
ווײַל דאָרט בלויז עס קעניגט דאָס געטלעכע וואָרט,
ווײַל דאָרט, אויך אין חושך, איז ליכטיק און העל...

טרוקענע קוואַלן

עס שרייט אוים מײַן שוועל זײַן ווילקאָמען,
ס׳איז אָפן די טיר פון מײַן הויז,
און דאָך רופט נישט קיינער מײַן נאָמען,
אַ הינט ערגעץ בילט אַזוי בייז.

איך גרים פון מײַן טיר דער צעפראַלטער
די ערד און דעם הימל אין הויך —
עס ענטפערט אַ ווינט מיר אַ קאַלטער,
אויף פליגלען פון שטויב און פון רויך.

איך טראָג מײַנע בליקן ווי שטראַלן
אַנטקעגן די שיפן בײַם ברעג —
פאַרוואָס זענען טרוקן די קוואַלן?
פאַרוואָס איז נישט ליכטיק דער וועג?

שאָטנס

אַלץ נאָר וואָס עס ליגט פאַרבאָרגן
אין דעם טאָג און אין זײַן מאָרגן,
אין זײַן זאָרג און אין זײַן האָפן,
קומט בײַנאַכט אַרויס אין אָפן.
ס׳איז די נאַכט דעם טאָגס אַ שאָטן,
ווי אַ וועג וואָס אויסגעטראָטן,
ווי אַ באַרג וואָס אויסגעפורעמט,
ווי אַ ים־ברעג אויפגעשטורעמט.
יעדער פלאַטער פון אַ פליגל,
יעדער ציטער פון אַ ריגל,
יעדער ווינקען פון אַ שטערן,
און אַ שאָס אַרויס פון טרערן,
וואָס די נאַכט פאַרמאָגט אַזויפיל,
מיט איר פײַן און מיט איר צווייפל, —
ס׳איז נישט מער ווי אַ באַגלייטער
פון דעם טאָג, מיט זון צעשפּרייטער,
ווי דער שאָטן פונעם שומר,
ווי די קאָרע פון די ביימער,
ווי דער ים־געוויקס אויף וועלן,
וואָס באַדעקט דעם ברעג דעם העלן...
אָ, מײַן ברודער פון די גרונטן!
ווען דײַן בלוט עס ווערט צעצונדן,
און דײַן האַרץ עס ווערט דערהויבן,
און דײַן זעל צעהעלט אַ גלויבן,

און, אין אויפברויז דאַן פון טרוימען,
טרינקסטו פון בעכער אויס די שוימען,
און, מיט בראַזג פון אַלטן קריגל,
טוסטו אַ שוועב אין הויך אויף פליגל,
און אַ פּאַלאַץ הייבסטו אָן בויען —
נישט פאַרגעס דאַן אין די דנאָען,
ווייל די נאַכט איז נאָר אַ שאָטן,
ס'איז דער וועג שוין אויסגעטראָטן,
פאַר דעם טאָג און פאַר זײַן מאָרגן,
צו פאַרשפּרייטן פרייד און זאָרגן...



משה לייב האַלפּערן און פּינטשע בערמאַן

משה לייב

גיי, קאָווע דעם אימפּעט פון ים ביַי די ברעגן;
גיי, צוים אין צעשטורעמטן מדבר דעם בליץ;
גיי, לאַסו דעם ווינט אין די סומנע סיעראַס;
גיי, פּענטע דעם דונער אין וואָלקנס צעהיצט.

דאַן שפּאַן איַין דעם אומרו פון וואָלף אין דער פּריירי,
און לאָז אין גאַלאָפּ זיך אַ רים טאָן פון אָרט —
און דו וועסט דערהערן די טריט פון משיח,
און דו וועסט פאַרנעמען פון נביא דאָס וואָרט...

איך וויים, אַז דער וואָלף פאַרמאָגט סם אין זיַין אָטעם
און צינדט אָן די לופט מיט זיַין מערדעריש לוסט;
איך וויים: אין צעוויכערטן האָס, די גאָרילאַ,
איז גיפטיק, און טראָציק זי פּויקט זיך אין ברוסט...

צי קאָן דען אַ וואָלף, אין זיַין גיהנומשן ברילן,
אויך וויינען דערביַי אויף פאַרוואָלקנטער זון?
צי קאָן, אין זיַין הונגער, אויך ווינקען צו שטערן,
אין דזשאָנגל אין טיפן, דער בייזער באַבון?

און איך האָב געזען דיך אין שעהען פון טרויער,
און איך האָב געזען, ווי דיַין האַרץ האָט געוויינט...
האָסט פלאַמען צעזשאַרעט און זיך אָנגעצונדן;
האָסט וועלטן געשאָלטן און זיך דאָס געמיינט...

אַ בלום, ווען דער טאָג איז אין זון־שיין צעבלענדעט,
איז ווייך דאַן, ווי סאַמעט, איז גוט דאַן און צאַרט.
פאַרשאָטנט דער טאָג זיך — פאַרשווינדט זי אין קנאָספּע,
און קנאָספּע איז שטעכיק, און שפּיציק און האַרט...

אַ שייד נאָר געווען איז דײַן קריגערשער אויסזען,
געווען נאָר אַ מאַסקע דײַן בייזער געזיכט —
אונטער דער שייד האָט גערוט דאָרט די שכינה,
אונטער דער מאַסקע האָט געשפּרודלט מיט ליכט...

עס שטייט אין מײַן ווינקל אַ הילצערנער טעלער,
וואָס דו האָסט געמאָלן אין שאַרפן קאָליר:
צוויי גענדז — צוויי ווײַבער — פאַרטאָן אין אַ שמועס:
וואָס טוט זיך אין טעפּל, און הינטערן טיר?

דו ווייסט, משה לייב, וואָס געשען מיטן טעלער? —
נישטאָ דאָרט די גענדז מער, נישטאָ דער געביין —
צוויי אַלטיטשקע ווײַבער — צוויי ייִדישע מאַמעס,
ברעכן די הענט דאָרט אין שטילן געוויין....

גאָטס גנאָד האָט געשפּאָרט דיר, דײַן אויג און דײַן אָטעם,
נישט צוזען, נישט פילן דעם בלוטיקן וואָר,
און אויך נישט די זכיה, ווי משה פאַרצײַטן,
צו זען אויך דעם נס און די גאולה פון דור.

ווי וואָלט דאַן געבראַנדיקט דײַן עמוסדיק צאָרן
אויף מענטשן, אויף וועלטן, אויף גאָט אויך אַליין!
און שפּעטער, דײַן האַרץ וואָלט געפּלאַצט, ווי דער ראַקעט,
פון זוניקן אויפברויז, פון פריידיק געוויין.

אָ, פֿאַרוואָס זאָל דער אייביקער פּליִער אין הויכן
גאָר ווערן צעריבן אין טאָל אונטער ראָד?
פֿאַרוואָס מוז דער אומרו פֿון צעשׂרפֿעטע בלוטן
זיך שטילן אין פּויק און אין גאָס־קאַראַהאָד?

אַוועק זענען יאָרן און כ׳קאָן נישט פֿאַרגעסן
דעם בייזן מאָמענט, די פֿאַרשאָלטענע שעה —
און ס׳פּלאַטערט דער פֿויגל פֿאַרוואָרלאָזט און זוכט אים,
זײַן נעסט אויף דײַן ליד, וואָס איז מער שוין נישטאָ...

ווען דו פֿעלסט אוים, ווי דער סנה אויפֿן באַרג דאָרט,
צו גאַפֿן אין ווונדער, אויף ליכט זײַנס צעשײַנט —
מיר פֿעלסטו אוים, ווי דער טרייסטער, דער נביא,
מיר פֿעלסטו אוים, ווי מײַן ברודער, מײַן פֿרײַנד.

אין דער זינדיקער שטאָט

דאָס ליד פון דעם זינדיקן

זינדיק איז דער, וואָס זינדיקט נישט מער,
נאָר חלומט פון זינד אין זײַן אײנזאַמען בעט.
און סם איז זײַן אָטעם, און גאַל איז זײַן טרער,
און עס חושכט זײַן האַרץ דורך דער פײַנלעכער שפּעט.

זינדיק איז דער, וואָס זינדיקט נישט מער,
נאָר בלינד צו דער זון, וואָס אַזוי האָפֿערדיק שײַנט,
און אין שרעק פֿאַרן מאָרגן, וואָס פּרעסט אַזוי שווער,
ער פֿאַרפּײַניקט צום טויט זײַן געפֿליגלטן הײַנט.

און איך, וואָס פֿאַר מיר איז קײן מאָרגן נישטאָ —
איך גלוסט, וואָס איך נעם, און איך נעם וואָס איך גלוסט.
און פֿול איז מײַן בעכער, און כ׳טרינק ביזן דנאָ,
ווײַל לוסט איז אין לעבן, און לעבן — אין לוסט.

און פֿול איז מײַן בעכער, און פֿלאַם איז מײַן בלוט,
און הײס איז מײַן אָטעם, און לײַכט מײַן געמיט;
ווײַל מיך גריסט די זון מיט איר פֿרײדיקן גלוט,
און מיר זינגט דער הימל דאָס זינדיקע ליד.

און פֿרײַ כ׳בין אַזוי, ווי דער פֿויגל אין וואַלד,
און קלאָר איז מײַן אויג, און מײַן האַרץ איז מיר רײן. —
אין מיר איז די שטימע פֿון לעבן וואָס שאַלט,
און ס׳ווערט מיט מיר אײנס דער באַשעפֿער אַלײן...

אין דער „סאווע״

וויווא! דעם בעכער מיט ווײַן!
צום טײַוול וואָס מאָרגן וועט זײַן!
און ווירקט שוין קיין ווײַן אויף דײַן מוח נישט מער —
היי, קעלנער, חאַשיש גיב אַהער!
און רויכלען זיך זאָל דער האַשיש!
דערלאַנג אויך „קאַטילאַ״ צום טיש!
און טרינקסטו און לעשט זיך נאָך אַלץ נישט דײַן בלוט —
טרינק מער — זאָל ברענען נאָך העלער — ס'איז גוט!
און האָסטו צוויי אויגן און זעסט מיט זיי קלאָר,
אַז אַלץ, וואָס דו טרוימסט, איז נישטאָ אויפן וואָר,
און פילסטו, האָסט איבעריקן כוח אין האַנט —
טאָ וואָס זשע?! — דער טיש האָט אַ ראַנד —
און דזשיננג! זאָלן פלעשער, און גלעזער, און טיש
צוזאַמען אויף דר'ערד אין אַ ברוכווארג־געמיש!
דאַן פילסטו מיט אָפענע אויגן שוין בלינד —
אַ נאַכט־פּאַסאַזשיר אויף די פליגלען פון ווינט,
און וואַקלט פאַרביי דיר פאַמעלעך די צײַט —
איז האָסטו דאָך צוויי סעניאָריטעס בײַם זײַט:
אַש אין די אויגן און קולות ווי בלײַ,
דו — איינער, זיי — צוויי, איז אַ חשבון פון דרײַ,
און דרײַ איז אַ גאָטהייט — זאָל קניִען די וועלט,
אין טעמפּל פון פלעשער און בעכער צעשטעלט!
דרך־ארץ, אַ, וועלט! אויף די קני פאַר אונדז דרײַ!
אונדזער מאָטאָ הייסט: מונטער, און פרעך זײַן, און פרײַ!

װער אַ פֿאַרמעט עס קושט, װער דאָס בילד פֿון מאַרי, —
איך קוש סעניאָריטאַן דאָס האַרץ און די קני ;
װער עס זינגט מיט די פּריסטער אין זונטיק־געזאַנג,
איך זינג נאָכן ריטעם פֿון בעכער־געקלאַנג !
איז װיװאַ ! דעם בעכער מיט װײַן !
צום טײַװל װאָס מאָרגן װעט זײַן !
װײַל הײַנט איז מיר באַקכוס מײַן אײנציקער גאָט,
אים דין איך געטרײַ און איך טו זײַן געבאָט,
דער פֿלוך פֿון די מײדלעך — מלאָכים־טראָמפּײט,
און דער הײליקסטער טאַנץ איז דער טאַנץ פֿאַרן טױט...

קאַסטאַניעטן

אַ טראַט — און צום־צום!
אַ טראַט — און צום־צום!
צום־צום!

עס קלינגען די רינגען אויף בראָנדזענע פּיס;
עס טאַנצן די שולטערס און היפּטן און בויך;
עס טאַנצן פּולבלוטיקע בריסט.
אַ טראַט — און צום־צום!
אַ טראַט — און צום־צום!

עס טרייסלען זיך שדמדיק אוירינגלעך צוויי;
עס טאַנצן אין לופטן די פּעכיקע האָר,
און זוניקע אויגן —— צום טאַקט.
אַ טראַט — און צום־צום!
אַ טראַט — און צום־צום!

און שנעלער דער טראַט ווערט, און גיכער דער דריי,
און הילכיקער דער קאַסטאַניעטן־געקלאַנג,
און פרעכער און פרעכער דער בליק...
און ס'רויטלען זיך באַקן, געצונדן מיט ווײַן;
און ס'פינקלען אויף אויגן.. און אָטעם ווערט הייס...
און ענג ווערט אין ברוסט...
אַ טראַט — און צום־צום!
אַ טראַט — און צום־צום!

אוּן ס׳ווערט דיר פֿאַרגליווערט דער בעכער בײַם מויל;
אוּן יעדער צום-צום דרינגט אַרײַן דיר אין האַרץ,
אוּן זודיקט דײַן בלוט...
אוּן יעדע באַוועגונג פֿאַרכישופֿט דײַן אויג,
אוּן פֿלאַמט דיין „מאַרוואַנע"-פֿאַרשׂרפֿעטן מאַרך,
אוּן ס׳ברענען די טריט אונטער דיר...
אַ טראָט און צום-צום!
אַ טראָט און צום-צום!

אוּן ס׳הייבט דיר אָן שטיקן אין האַלדז מיטאַמאָל,
צערייצט, ווי אַ חיה, פֿון וואַרעם-פֿריש בלוט,
אַ טראָט און צום-צום!
אַ טראָט און צום-צום!

אוּן זעסט שוין נישט מערער, דו הערסט נאָר דעם ווינט,
וואָס רײַסט אין דער וויסטע די שטיינער און זאַמד,
אוּן פֿליט ערגעץ ווײַט...
אַ טראָט און צום-צום!
אַ טראָט און צום-צום!

אוּן דו ביסט אַ יעגער מיט בויגן און פֿײַל,
אוּן לויפֿסט נאָך דײַן קרבן מיט אימפּעט און רעש, —
אוּן כאַפּסטו דײַן אינד... — — —
אַ טראָט און צום-צום!
אַ טראָט און צום-צום!
צום-צום!

סעניאָריטאַ ריטאַ

דיַינע אויגן, סעניאָריטאַ ריטאַ,
קאַיוטעס אין אַ פֿינצטערער סיערא-נאַכט.
דיַין אָטעם, סעניאָריטאַ ריטאַ,
קיפּאַריסן-ווינטן,
אויסגעמישט מיט פּעך און שוועבל.
געשמינקט זענען די קנייטשן פֿון דיַין שטערן;
אויף גאָלד דיַין זילבער-קאָפּ געפאַרבט.
וואָס שטעקט אַזוינס אין דיר, סעניאָריטאַ ריטאַ,
וואָס די יונגע, צאַפּלדיקע מיידלעך,
מיט פאַרבאָרגענער סטיליעטאַ-שׂנאה,
פרעסן דיך מיט שפּיזיק-שאַרפע אויגן?
וואָס זשע, טיַיוול, שטעקט אַזוינס אין דיר,
וואָס ביַי דיַין אַריַינקום אין דער „סאַווע",
און ביַים ערשטן צום-צום פֿון דיַין פּייקל,
ווערן פאַרלעך פרעך,
און דער עולם ווילד,
און מען קלאַפּט אַ וויוואַט
צו דער פּריסטערין פֿון באַקכוס?!

לינדאַ

אויף דײַנע ליפּן רוט א זון־פֿאַרגאַנג, לינדאַ.
דײַנע אויגן — קאַליפֿאָרניער טאָלן
אין סוף־חודש־נעכט.
דײַנע טריט — גאַזעלן אין דער פּריירי, לינדאַ.
דײַנע בריסטן — זון־געקושטע אַפּעלסינען
אין די ציטרוס־בערג.
ווער זשע האָט אַ זעג־מיל אין האָלדז אַריינגעטאָן דיר,
אַ מיראַזש פֿון „טיאַ וואַנאַ״?
ווער זשע האָט צעשמירט די פֿאַרבן פֿון דעם רעגנבויגן,
אָ, מאַדאָנע פֿון דער „סאַווע״?
שטום! —
און זאָל דער עכאָ פֿון דיאַנאַס טריט
נישט פֿאַרטויבט זײַן פֿון שאַקאַלן.
שווײַג! —
און זאָלן וועגט נישט ווייסן,
אַז דו ביסט שיכור ווי אַ בעסטיע, לינדאַ...

סוזיטאַ

אפשר אינגאַנצן, סוזיטאַ, אַ מאָל פּופּצן
געזען האָסט, ווי עס פֿאַלן די בלעטער.
אויף דײַנע ליפּן איז נאָך פֿריש דער אויסרוף „מאַמאַסיטאָ".
דורך די שפּאַלטן פֿון קאָסמעטיק בליִען דײַנע באַקן,
און חוזקן פֿון די בלומען אין דײַנע האָר.
פֿון יעדן ריר דײַנעם שרײַט אַרויס:
מאַכט אַ וואָרע — די יוגנט!
מ׳האָט דיר פֿאַרקירצט אין דער „סאוועַ"
דײַן נאָמען אויף „סי"
און געעודפּט דיר צוויי צענדליק יאָרן.
און דו לאַכסט,
און דו זיצסט אויף די קני פֿון אַן אַלטן בעל־תּאווה,
און שטופּסט אים דעם זיבעטן בעכער אין מויל.
אָ, היט זיך, סוזיטאַ!
ווײַל פּידראָ, דער אינדיאַנער, האָט אָדלערשע אויגן,
וואָס גרייכן דורך פּלייצע אין האַרץ,
און שטאַרקער פֿון ווײַן און „מאַרוואַנע",
איז ביי פּידראָן דער האַס דער צעפּלאַמטער,
און שאַרפֿער פֿון אויגן, האָט פּידראָ, אַ מעסער אין טאַש —
און דו ביסט אַזוי אומדערפֿאַרן, סוזיטאַ,
ווײַל אפשר נישט מער, ווי אַ מאָל פּופּצן,
געזען האָסט, ווי עס פֿאַלן די בלעטער.

נאַרציסאַ

ביסט אַ שטערן אַ צעשטראַלטער אין דער בלאָטע,
ביסט אין סטעפּ אַ פאַרבלאָנדזשעטע „טשינאַרע" —
קושט דעם שוויים און גלעט אַ קילער שאָטן,
ווייען ווינטן — וויגן אײַן אין חלום.

צווישן רויך פון שוועבל און טאַבעקאַ,
דורכן דופט פון ווײַן און פון „קאַטילאָ",
שײַנט דײַן קאָפּ מיט בונטע האָר, נאַרציסאַ,
ווי אַ פעפער־בוים מיט וויינענדיקע צווײַגן.

דײַן בליק איז, ווי אַן אָדלערשער אין לופטן,
מיט פליגל איבער שטורעמדיקע וואָלקנס,
און צו די פּריסטערינס די פלאַמיקע פון באַקכוס,
דײַנע אויגן דריקן אויס רחמנות.

אויף דײַנע ליפּן רוט אַן אומעטיקער שמייכל —
„מאָנאַ־ליזאַ" פון בלוט און פלייש געמאָלן...
ווי זשע קומט אין טויטן־טאָל אַ פּאַלמע?
וואָס זשע זוכט אַ בין אויף קאַקטוס־בלעטער?

אָ, נאַרציסאַ!
ביסט אין „סאווע" אַ פאַרהייליקטע מאַדאָנע:
הייבן זיך דאָרט בעכערס אין דער לופטן,
בייגן זיך דאָרט קני צו דיר אין תפילה,
וויינט אַ פויגל אין אַ שטײַג געפאַנגען.

טשינגאַרעלאַ

עס גייט מיר אוים מײַן האַרץ צו דיר,
אָ, טשינגאַרעלאַ,
ווייל אונטער שמינק און פודער,
ברעכן זיך די רינגען אונטער דײַנע אויגן;
ווײַל דער שמייכל אויף דײַנע ליפּן
סודעט אוים די דאָזע פון „געוויקסן";
ווײַל די נישט-ריטמישע באַוועגונג פון דײַן ברוסט,
פאַרדעכטיקט דיין צעפּרעסנדיקע קראַנקייט...
וואָס זשע פאַר אַ פײַער ברענט עס אין די אויגן דײַנע,
טשינגאַרעלאַ?
איז דאָס אַ פלוך צו דעם סאָלדאַט דעם וויסטן,
און צום שיכורן מאַטראָס, וואָס איז דײַן דאָליע?
און אפשר איז דאָס גאָר,
אַ פונק פון יענע צײַטן,
ווען צו דעם קלאַנג פון דײַנע קאַסטאַניעטן,
האָבן בעכערס אין דער לופטן זיך פאַרגליוערט,
און מײַלער — ברייט צעעפנט און פאַרגאַפטע?
עס גייט מיר אוים מײַן האַרץ צו דיר,
אָ, טשינגאַרעלאַ,
ווײַל ס'לויערט שוין אויף דיר
פון „פאַטערס-פעלד" דער שאָטן,
און ס'וואַרט שוין דער סטודענט
אויף דײַנע קראַנקע ביינער,
אָ, טשינגאַרעלאַ!

פיעסטאַ

הוליע, הוליע, הוליע, הוליע!
הייב דיין קאָפּ אין הויך און הוליע!
עפן אויג און האַרץ און הוליע!
צו דער גאַנצער וועלט זיך טוליע —
הוליע, הוליע, הוליע!

וואָס מיר טראַכטן, וואָס מיר זאָרגן,
נישט קיין נעכטן, נישט קיין מאָרגן,
נישט געוועזן, און נישט עס וועט זײַן,
נישט געשען און ס׳דאַרף פאַרגלעט זײַן...
אַלץ איז הײַנט, און אַלץ איז איצטער,
איצטער, איצטער, אויסגעבליצטער,
אויסגעבליצטער, אויסגעקריצטער,
מיט דײַן הייסן בלוט און אָטעם
אויף אַ פײַערדיקן טאַטעם —
הוליע, הוליע, הוליע!

טאַנצן מיידלעך דיר אַנטקעגן:
פריש, ווי גראָזן נאָך אַ רעגן.
ווי די פּאַלמעס, שלאַנק און בויגיק.
פּים — גאַזעלן, פּעך — שוואַרץ־אויגיק.
און די בליקן — זשאַר און צונטער,
און געלעכטער — הילכיק מונטער —
איז אַ פּויק מיט פּום אין באָדן!

און אין רינג פון קאַראַהאָדן,
מיט דײַן בלוט, וואָס צינדט זיך העלער,
טו אַ דריי זיך גיכער, שנעלער,
גיכער, שנעלער, שנעלער, גיכער,
ווי אַ שטורעם, ווי אַ וויכער,
ווי דער ווינט דאָרט, אין דער וויסטע,
ווו די דונעס נישט געשיצטע,
טוט ער אַ הויב זיי און ער דרייט זיך,
און ער דרייט זיך, און ער פרייט זיך,
און ער רײַסט זיך צו דעם הימל,
מיט אַ פײַף און מיט אַ טומל —
הוליע, הוליע, הוליע, הוליע!

אַלץ איז שיין הײַנט, אַלץ איז פּרעכטיק;
אַלץ איז שטאַרק הײַנט, אַלץ איז מעכטיק;
אַלץ איז גוט הײַנט, אַלץ איז ליבע,
קיין מינוט נישטאָ קיין טריבע —
איז אַ דריק די וועלט צום ברוסט צו!
און לאָז פרײַ גיין אַלע לוסטן,
אַלע לוסטן, אַלע גלוסטן,
אַלע מענטשלעכע פאַרלאַנגען,
זיי פאַרוואַנדל אין געזאַנגען...
הוליע, הוליע, הוליע, הוליע!

אָ, געבענטשט זאָל זײַן די שטונדע,
דער מאָמענט, די סעקונדע,
ווען דו קאָנסט אין אַלץ פאַרגעסן
און דו חלומסט — אָ, פּיִעסטאַ:
ס׳איז די גאַנצע וועלט איין יום־טוב!
ס׳איז די גאַנצע ערד איין שמחה!
ס׳איז אַ טאַנץ דאָס גאַנצע לעבן!
הוליע, הוליע, הוליע...

ערָאס

ווי אַ שוואַן

מיליאָנען בינען אין אַ ווינט-געדריי אַרום דער קעניגין;
מיליאָנען בינען זשומען אויס די פרייד פון קינפּטיקן באַשאַף —
צי ווייסן זיי אין זייער דעליריום-טאַנץ,
אַז אין דעם האָניק-צעל דאָרט חלומט שטיל דער טויט?

ווי ווייך עס איז דער זייַד פון בלויען שפּין-געוועב;
ווי צאַרט עס שפּילט דער ווינט אויף סטרונעס גילדערנע! —
צי ווייסן זיי, די שפּינען, אין זייער ליבעס-שעה,
אַז שפּעטער וועלן זיי דעם ווייַב אַ מאָלצייט זייַן?

און איך — איך ווייס: דער שטראָם וועט מיך אַמאָל אין ברעג
צעשמעטערן.
און איך — איך ווייס: אַז בלינד דאָס ליכט וועט מיר די אויגן אויסברענען.
דאָך פרעס איך זון מיט אויגן, ווי מיט טיגער-ציין,
און טראָג זיך ווי אַ שוואַן, אויף כוואַליעס ברויזנדע.

ווען דאָס לעבן רופט

ווער קאָן אָפּהאַלטן דעם גראָז,
אַזוי צאַרט און אַזוי קליין,
פון זײַן דורכברעכן דעם שטיין,
ווען דאָס לעבן רופט! —

ווער קאָן אָפּהאַלטן דאָס האַרץ,
פון פאַרוואַנדלען זיך אין גלות,
און צעפלאַקערן דאָס בלוט,
ווען דאָס לעבן רופט!...

עראָס

ווי די שלאַנגען אין דער פּריירי,
געפּענטעט צו דײַן אַלמעכטיקייט,
אַזוי ציִען זיך אונדזערע הענט צו דיר, אָ, עראָס!
ווי דער פויגל דעם פאַרכישופטן בליק פון דער קאַברע,
אַזוי זאַפּן אײַן אונדזערע אויגן
דאָס ליכט פון דײַן צעשטראַלטער הערלעכקייט...
און ווען מיר הייבן אַ טאָסט אין עקזאַלטישער תפילה,
און טרינקען דעם שוים פון געהייליקטן ווײַן,
איז שטענדיק דער סם אויפן דעק פונעם בעכער.
אָ, ווי אומברחמנותדיק דו ביסט מיט די הערצער,
וואָס גייען אוים צו דיר אין זייער פּײַן,
און ווי פאַרשווענדעריש דו ביסט, אָ, עראָס,
מיט די כּוחות, וואָס האַלטן אויף דײַן קעניגרייך!

בלוט פון דײַנע טרויבן

אויף די ראָגן שטייען זיי, די וועסטאַלקעס פון דײַן טעמפּל,
מיט ליפּן געררויטלט, מיט דעם בלוט פון דײַנע טרויבן,
און מיט טאָל אין זייערע אויגן,
רופן זיי צו די גלוביקע אין דײַן הערלעכקייט,
נאָר דער עכאָ פון זייערע שטימען,
פאַרהייזעריקט פון דעם אייביקן לויב צו דײַן נאָמען,
קייקלט זיך איבער נאַכטיקע שוועלן,
ווי דער עכאָ פון שטיין
איבער ברעגן פון צעברוגזטע ימען.
אויף די ראָגן שטייען זיי, די וועסטאַלקעס פון דײַן טעמפּל,
און בעטלען גראַשנס פאַר אַ קרבן צו דײַן אַלמעכטיקייט.
נאָר זייערע הענט,
מיט צעאײַטערטע וווּנדן, אונטער דײַנע גאָלדענע קאָוועס,
הענגען אַראָפּ, געקראַמפּט און אוממעכטיק,
אויף די ראָגן שטייען זיי, די וועסטאַלקעס פון דײַן טעמפּל,
און בייגן זיך אין תּפילה צו דײַן גלאָררייכער אייביקייט,
נאָר זייער ברוסט,
געצייכנט מיטן שאַרף פון דײַנע בײַטשן,
הייבט זיך נישט מער צום ריטעם פון געבעט...

אַ סערענאַדע

דײַנע אויגן זענען בלוי,
ווי פֿאַרטאָג אין פֿעלד דער טוי.
דײַנע ליפּן זענען רויט,
ווי די זון, ווען זי פֿאַרגייט.
דײַנע האָר זיי זענען גאָלד —
האָב איך דיך דאָך טאַקע האָלד,
האָב איך דיך דאָך טאַקע ליב,
איז דערפֿאַר דאָס האַרץ מיר טריב...

מיט זשאַר אין די אויגן

צו די וואָס שטעלן זיך אַנטקעגן

(אין טאָג פון דער פּראָקלאַמירונג פון מדינת ישראל)

אַ לויב צו דעם אויפבּרויז
פון שווערע געמיטער,
פון הערצער פאַרסממטע,
פון אָטעם פון גאַל —
וואָס רייסט זיך צום הימל
מיט שנעלקייט פון בליצן,
מיט קראַפט פון טאָרנײדאָ,
מיט דונערשן קנאַל.

אַ לויב צו דעם אויפקום
פון דור פון טרעבּלינקע,
פון שטאַם פון מיידאַנעק,
פון יורש פון „טאָל",
וואָס בעט נישט קיין רחמים,
נאָר מאָנט זײַן ירושה,
מיט זשאַר אין די אויגן,
מיט פײַער אין קול.

אַ לויב צו דעם אויפוואַך
פון חונה המעגל,
פון דעם וואָס געחלומט,
געחלומט אין וואָר,
פון דעם, וואָס געשלאָפן,
און שיער נישט פאַרשלאָפן
דעם בלענד פון באַגינען,
די גאולה פון דור...

צו אײַך זאָל מײַן ליד,
ווי דער טײַך פֿון די ברעגן,
ווי די לאַווע פֿון קראַטער,
ווי דער בראַנקאַ פֿון צאַם —
צו אײַך דאָס געזאַנג
פֿון מײַן האַרץ זאָל זיך טראָגן,
מיט פֿליגל פֿון אָדלער,
מיט אימפּעט פֿון ים.

„האָראַ“

ווער עס טאַנצט פון לוסט פאַרשייַטער,
אויף די זאָרגן צו פאַרטרייבן —
אונדזער טאַנץ איז פון בטחון,
אונדזער טאַנץ ער קומט פון גלויבן.

צי אין נגב, צי אין גליל,
צי אין דן און צי אין רמלה,
יעדע האָראַ איז אַ הידד,
אַ סאַלוט צו אַלע הימלען.

טאַנצן פיס און טאַנצן הערצער,
טאַנצט אויף פעלדער אויך דער קאָרן,
טאַנצט אַ יוגנט פול מיט לעבן,
טאַנצט אַ פאָלק, וואָס נײַ־געבאָרן.

מוט אין אויג און גייסט — אַנטשלאָסן,
פרייד געצונדן אין נצחון,
אָט אַזוי געטאַנצט האָט מרים,
ווען צעשמעטערט אַלע יאָכן.

הייסער בלוט און הייסער אָטעם,
הילכט די האָראַ אויף די וועגן —
קיינער, קיינער וועט נישט וואַגן
אונדז צו שטעלן זיך אַנטקעגן.

מיר זענען ווי רינגען אין קייטן

מיר זענען ווי רינגען אין קייטן,
געגאָסן פון אײַזן און שטאָל —
מען קאָן אונדזער גלויבן נישט טויטן,
מען קאָן אונדז נישט בויגן קיינמאָל.

דורך העלישן פײַער, דורך פלאַמען,
דורך שטורעם, געוויטער און דראַנג,
מיר שטייען צוזאַמען, צוזאַמען,
און הילכיק עס קלינגט דאָס געזאַנג.

דאָס מעכטיק געזאַנג פון באַנײַונג,
וואָס רײַסט און צעשמעטערט די שטריק —
מיר טראָגן דאָס וואָרט פון באַפרײַונג,
פון פרידן, פון פרייד, און פון גליק.

פיל פאַלן ווי זאַנגען דורך ווינטן,
קרבנות, ווי זאַמד בײַ דעם ים —
דאָס זענען נאָר פונקען, וואָס צינדן
און מאַכן נאָך העלער דעם פלאַם.

מיר זענען ווי רינגען אין קייטן,
געגאָסן פון אײַזן און שטאָל —
מען קאָן אונדזער גלויבן נישט טויטן,
מען קאָן אונדז נישט בויגן קיינמאָל.

סקידרא

סקידראַ

כ׳וויל זינגען אַ ליד הײַנט פון מענטשלעכן עלנט
אינצווישן געביידעס פון אײַזן און שטיין,
ווו הייזער דאָרט פלאַצן פון רייכטום און שפע,
און גאַסן, ווו ס׳רוט דאָרט די גאָטהייט אליין.

כ׳וויל זינגען פון פײַנען אין לוסטיק געלעכטער,
פון אומעט און צער אין פאַרשיכורטער פרייד;
כ׳וויל זינגען פון ווייטאָג אין ווילטאָג פאַרשײַטן —
דאָס אייביקע שטילע געזאַנג פונעם טויט.

אָ, ווער קאָן דען מעסטן דעם גיהנומשן אָפגרונט
פון מענטשלעכע ליידן און מענטשלעכן האָס!
גיי פרעג בײַ די מיסטן בײַנאַכט אין דער עליי,
גיי פרעג בײַ די שטיינער פון ברוק אויף דער גאַס!

עס טראַמפּלען דאָ וואָלקנס... פאַרכמאַרעטע הערצער...
די טריט זענען בלײַ דאָ, די אויגן אָן שײַן;
קיין ווילן, קיין האָפן, קיין טרוימען, קיין מאָרגן,
איין העלישער שטרעבן פאַראַן דאָ נאָר — ווײַן.

אָ, ווער קאָן פאַרטויבן געוויין פון די ביינער!
אָ. ווער קאָן פאַרלעשן דאָס פײַער אין בלוט!
און קריגסטו דײַן ווײַן, און אַ שפּײַ אין דײַן פּנים,
איז ווישסטו דאָס אָפּ — און ס׳איז גוט אַזוי, גוט.

דאַן גלעט דיך אַ ווײַב, און עס קושט דיך אַ מאַמע,
און ס׳האַלדזן דיך ווייכינקע, קינדערשע הענט.
צעטריפט זיך ווי וואַקס, דײַן פּאַרוויסטע נשמה,
צעהעלט אין דײַן אויג זיך אַ בליציקער בלענד.

עס דויערט נישט לאַנג און דו טוסט זיך אַ טרייסל,
אַ רים פון דעם פּלאַץ, ווי אַ הונט פון דער קייט.
צעכאָרכלען זיך דײַנע פאַרטריקנטע ליפּן —
אַ ברום און אַ פלוך — דאָס געזאַנג פונעם טויט...

אַזוי גייען טעג, און חדשים, און יאָרן —
צײַט האָט דאָ לאַנג שוין פאַרלאָרן דעם זין.
און דו ביסט אַליין דאָ אי יעגער, אי חיה,
און דו ביסט אַליין דאָ אי נעץ, אי די שפּין.

די צייט האָט קיין זין נישט, און דו האָסט קיין ווילן,
פאַראַן איין פאַרשאָלטענער ווילדער פאַרלאַנג —
גרילצן אָן אויפהער דאָ ערגעץ ווו גרילן,
שיפּעט אָן אויפהער דאָ ערגעץ אַ שלאַנג.

און ליבע איז ביליק, און מענטש איז דאָ ביליק,
נאָר ווײַן און „מאַרוואַנע" דאָ האָט אַ באַדייט —
זשאַרעט דאָ אייביק אין לופטן אַ שׂנאה,
שטעקט דאָ ווו אייביק אַ סטילעטאָ אין אַ זייט...

אָ, ווער קאָן דען ציילן די טרעפּ פון דער נידער?
ווער קאָן דען מעסטן די טיף פון אַראָפּ? —
גיי פרעג ביַי די וויינענדע קעץ אין דער עליי,
גיי פרעג אין דער הייך ביַי דעם שריַיענדן ראָב!

אַזוי גייט מיַין ליד היַינט, אַזוי מיַין געזאַנג איז
פון מענטשלעכן עלנט און אומעט און נויט,
אינצווישן געביידעם פון שפּע און ווילטאָג,
אינמיטן פון לוסט און פאַרשיכורטער פרייד.

דאָס מיידל בײַם ראָג

געווען איז מײַן פאָטער אַ שיכור,
פלעגט שלאָגן אי מיך, אי די מאַמען,
און צונעמען יעטווידן ניקל,
וואָס מיר פלעגן פאַרדינען צוזאַמען.

נו, בין איך פון אים דאָך אַנטלאָפן,
אַוועק מיט אַ יונג אין זײַן טורעם —
איצט שטיי איך אָט דאָ אויף די ראָגן,
אין היצן, אין קעלטן, אין שטורעם.

אָ, גאָט, ווי איך האָס אים, דעם בחור,
אים און די רייד זײַנע גלאַטע!
נישט איין מאָל צום טויט מיך געשלאָגן,
נאָך ערגער, ווי ס׳האָט מיך מײַן טאַטע.

מײַן טאַטע — פאַרשאָלטן זײַן אָנדענק!
מיר בענקט זיך אַמאָל נאָך דער מאַמע...
ווער ווייס, ווו זי איז גאָר אַצינדער,
אויף ראָגן, ווי איך דאָ, מסתמא...

דער, וואָס שמייכלט

יעדעם יאָר איז אַ קנייטש אין זײַן פאַרמעטענעם פּנים,
יעדע צײַט איז אַ פֿאַלב אין זײַן בלוטלאָזער הויט,
נאָר עס שײַנט אין זײַן אויג אַזאַ ליכט אַ פֿאַרבאָרגנס —
פֿאַראַן אַזאַ פֿרייד אויך בײַם שוועל פֿונעם טויט.

דו זעסט אים אין שיינקען, אין טונקל-קאַפּייען,
בײַ ראַג און אין קעלער — ס׳איז יעדער זײַן פֿריינד —
פֿאַר יעדן אַ שמייכל, אַ וואָרט אַ צעשטראַלטן,
פֿאַר יעדן אַ ליכט אין זײַן אויג זיך צעשײַנט.

פֿאַראַן אַזאַ פֿריינדשאַפֿט אין ביטערער עלנט.
פֿאַראַן אַזאַ ליבשאַפֿט אין אומעט און נויט.
אָט שײַנט אין זײַן אויג אַזאַ ליכט אַ פֿאַרבאָרגנס —
אַן אָדע צום לעבן? אַ חוזק צום טויט?

קיינער געדענקט נישט, ווען ער איז געקומען,
מ׳ווייסט נישט פֿון וואַנען, מ׳ווייסט נישט פֿאַרוואָס.
סקידראַ איז אייביק, און ער איז דאָ אייביק,
און אייביק אין אויג זײַנס אַ שטראַלן-צעגאָס.

גייסט אים פֿאַרביי דאָרט אַמאָל אין דעם וויסטן,
אין מענטשלעכן תּהום, וואָס איז פֿינצטער און שוואַרץ,
און עס פֿאַרכאַפּט דיר דער אָטעם פֿון מיסטן,
און אַ בזיון גייט אויף אין דײַן האַרץ —

דערזעסטו דעם אַלטן, דעם שטראַל אין די אויגן,
צעפליגלט דײַן טראָט זיך, ווערט לײַכט דײַן געמיט.
אויך דאָ איז נאָך אַלץ נישט פאַרלאָשן דער גלויבן,
אויך דאָ איז די פרייד נאָך צעזונגען אין ליד.

סקידראַ אין אָוונט

פּעט איז דער אָוונט אין סקידראַ, פּעט און צעלאָזן.
אַזוי ווי די מויד אין מאַרקיי, אין הויף, בײַם אַריינגאַנג פֿון קינאָ,
וואָס רופֿט מיט די בריסט די אַנטבלויזטע, אין „פּאַלאַץ" פֿון גאַס די
מאַטראָסן,
און קוקט אויפֿן „טורעם" אַנטקעגן מיט בליקן צעפֿלאַמטע פֿון שׂנאה.

פּעט איז דער אָוונט אין סקידראַ, פּעט און צעגאַנגען.
אַזוי ווי דאָס ליכט דאָרט אין „קעלער", וואָס טוקט זיך און וואַרפֿט אַן
אַ שאָטן
אויף נאַקעטע אָרעמס... און אויגן אַן פֿרייד, אַן פֿאַרלאַנגען,
און פֿנימער — פּונקט ווי מיט שטיוול האָט עמיץ אויף זיי דאָרט געטראָטן.

פּעט איז דער אָוונט אין סקידראַ, פּעט אויך דער אָטעם.
פּעט זענען אויך די נשמות, און הערצער, און אויגן אַרום דאָ,
וואָס קומען און קוקן אויף וווּנדער דעם בייזן פֿון פּײַן אין דעם „טאָטעם"
און ס'דרימלט דער אויפֿברויז צעשפּילטער, אויף אייביק פֿאַרטויבט און
פֿאַרשטומט דאָ.

סקידראַ אין דער נאַכט

ס'איז נישט קיין וואָיען פון קיין וועלף אין סיִעראַס,
ס'האָט קיין האַאינאַ נישט אין ערגעץ זיך צעלאַכט —
דאָס וויינט דער עלנט פון געפּענטעטע נשמות,
דאָס שרײַט דער אומעט דאָ פון סקידראַ אין דער נאַכט.

און טויב איז זי, און שטום איז זי די נאַכט דאָ,
און פינצטער, ווי דער האָטעל „דע וויל",
ווו די נויט האָט זיך צעליגט איבער ברעטער,
איבער קאַסטנס, איבער שטולן אין דער שטיל.

דאָרט קויפסטו פאַר אַ גראָשן אַ געלעגער,
אַ וויסטן, ווי דײַן מזל איז אַליין,
און אין דער זיסקייט פון צעפּלאָטערטע חלומות,
זוכט אַ רו דאָרט דײַן צעבראָכענער געביין.

און ס'הילכן אָפּ דאָרט מענטשן־טריט פאַרוווירטע,
אויף גרילצנדיקע טרעפּ אַ גאַנצע נאַכט:
ווער ס'האָט נאָר אין זײַן טאַש אַ לעצטן גראָשן,
דער קומט אַהער פאַרלוירן און פאַרשמאַכט.

און האָסטו נישט דעם גראָשן, און דו וואַגסט נאָך
צום פּאַלאַץ זיך דערקלײַבן אין דער הויך —
באַגעגנט דיך אַ פויסט דאָרט און אַ קללה,
און ס'צעהוידעט זיך דײַן קאָפּ, ווי אין אַ רויך.

איז גוט, אַז אונטן גייט גראָד נישט פאַרביַי דאָן
דער היטער פון דער אָרדענונג און רו,
מיט שטאָק אין האַנט און שפּילעוודיקע פינגער,
און האָס אין האַרץ אויף „טרעמפּ" אַזאַ ווי דו.

קלײַבסט דאָן צונויף דײַן בינטל ביינער
און שאַרסט אַוועק זיך צו דער נאַכט-מיסיאָן,
ווו מ'ראַטעוועט פאַרלאָרענע נשמות,
ווו יעזוס קעניגט אויף זײַן טראָן.

פאַרגייסטו זיך דאָרט אין אַ פרומען ניגון,
מיט נאָך אַזעלכע „ווײַנאָס" אָן אַ צאָל,
זינגסטו מיט אַ לויב-געזאַנג צו מערין,
און ס'וויינט אין דיר דײַן מיד-פאַרשלאָפן קול.

הללויה! דעם אומזיסטן טעפּל קאַווע,
ווי דײַן געמיט ביטער, קאַלט און שוואַרץ.
הללויה! — און ס'רעווען דײַנע ביינער.
הללויה! — און ס'שרײַט אין דיר דאָס האַרץ.

עס איז קיין יאָמער נישט פון וועלף דאָרט אין דער פּריירי,
עס איז קיין וואָיען פון קאַיאָטעס אינעם „טאָל" —
ווער זשע רײַסט זיך עס אַזוי צו טויבע הימלען?
ווער זשע קלאָגט עס דאָ אָן אויפהער אויפן קול?

דאָס שרײַט באַליידיקט דאָ די זעל פון מענטשן-קינדער,
פאַרשפּיגן און פאַרשטויסן, אויסגעלאָכט;
דאָס ברומט דער ברוק אַזוי, די שטיינער פון דער עליי,
דאָס וויינט אַזוי דאָס האַרץ פון סקידראָ אין דער נאַכט.

דער, וואָס פּײַפט

ווער פּײַפט עס אַזוי מיט אַ פרייד אין דעם נאַכטיקן עלנט?
ווער שטערט עס דעם טרויער, וואָס שפּרייט זיך, ווי טוי פונעם הימל?
איז פאַראַן אויך אַ גלויבן בײַם אָפּפאַל? צי גייט אויף אַ ליד אויף מיסטן?
צי קאָן דען אַ בלענד אַ צעשטראַלטער אויך דורכברעכן זשאַווער און שימל?

עס שלעפּט זיך אַ מענטש אין דער נאַכט מיט אַ פּאַק אויף געבויגענע פּלייצעס,
געהיט איז זײַן גאַנג — ווי ער וואָלט אַ קינד דאָ געטראָגן —
עס רעטלט דער פּאַק מיט די קלאַנגען פון ליידיקע פלעשער,
אַ גראָשן אַ שטיק — ס'אַראַ רײַכקייט אַ מענטש קאָן פאַרמאָגן!

די אויגן — אָן שײַן, די ברוסט — ווי אַ ברעט אײַנגעפאַלן.
עס קרייעט אין בויך — האָט נאָך נישט געגעסן צו זאַט הײַנט —
פּײַפט ער אַ ליד, און עס רעטלען צום טאַקט אים די פלעשער,
די פלעשער — אַ, גאָט! ער האָט נאָך קיין טרונק נישט געהאַט הײַנט.

בלײַ זײַנע טריט, און בלײַ איז דער פּאַק אויף די פּלייצעס —
אַ גאַנצענעם טאָג בײַ מיסטן און אָפּפאַל געקליבן,
דאָך לײַכט זײַן געמיט און עס שפּילט זיך אַ פונק אויף די ברעמען,
און טיף אין זײַן זעל איז אַ ציטער פון סטרונעס געבליבן.

פּײַפט ער זיך צו און עס ענטפערן פריידיק די פלעשער,
ווערט וואַרעם אין ברוסט, ווי אַ קינד אינעם שלאָף וואָלט ער טראָגן.
אַ גראָשן אַ שטיק — ס'אַראַ רײַכקייט אַ מענטש קאָן עס האָבן!
זינגט אים זײַן האַרץ און עס זינגט אים זײַן ליידיקער מאָגן...

דאָס ליד פון דעם ציניקער

קום, טרינק מיט מיר, ברודער, און זינג מיט מיר מיט
דאָס ברייטע, דאָס פרײַע, דאָס זאָרגלאָזע ליד,
דאָס ליד, וואָס פאַרהילכט, און פאַרקלינגט, און פאַרטייבט,
ווי נאַכטיקער דונער, ווי ברום פונעם לייב.

און וויינט ווי אַ האַרץ, און אַ זעל ווי עס שרײַט,
און יאָמערט דער עלנט פון נאָנט און פון ווײַט,
און פאָלגט נאָך דער אומעט, ווי אַ הונט דײַנע טריט —
קום, טרינק מיט מיר, ברודער, און זינג מיט מיר מיט!

קיין יום-טוב, קיין האָפנונג, קיין טרייסט און קיין פרייד,
געבאָדן אין צער, און געטובלט אין לייד,
ווי טויזנט טייוואָלים עס כליפּעט די פּײַן —
קום, טרינק מיט מיר, ברודער, פאַרטייב עס אין ווײַן!

פון הויז און פון קעלער, פון גאַס און פון הויף,
עס רײַסט זיך די אומרעכט אין די הויכן אַרויף,
עס צינדט זיך דער הימל, עס פלאַקערט די ערד,
ס'איז אַלץ דאָ פאַרשלונגען, ס'איז אַלץ דאָ פאַרצערט —

איז וואָס זשע, קום, ברודער, קלאַפּ אָן דעם באָקאַל!
און זאָל עס צעקלינגען זיך ווײַט איבעראַל,
דאָס ברייטע, דאָס פרײַע, דאָס זאָרגלאָזע ליד!
קום, טרינק מיט מיר, ברודער, און זינג מיט מיר מיט!

צווישן טאָג און נאַכט

וועך ווייס

ווי גרויס און ווי מעכטיק, אַ גאָט, דײַן באַשאַף איז!
ווי אימהדיק וווּנדערלעך ס'איז דײַן געבוי!
פֿון ווײַטסטע גאַלאַקסן, ביז זון און פּלאַנעטן;
פֿון טיפֿן פּאַציפֿיק, ביז טראָפּנס פֿון טוי.

עס זינגט דיר דער קאָסמאָס זײַן אייביקע תּפֿילה,
עס הילכט אָפּ אין וועלטאַל דײַן רום און דײַן לויב,
פֿון בלענדנדע נאוואס ביז ליכטער אין מילכוועג,
פֿון באַרגיקע שפּיצן ביז טאָלן פֿון שטויב.

איך ווייס: אין די מילי־מיליאַסן פֿון וועלטן,
ווער זענען מיר דען אויף צו ציען דײַן גנאָד?
פֿאַרוואָס זשע דײַן צאָרן, דײַן אייביקער צאָרן,
אַ, גרויסער, אַ, שטאַרקער, אַ, שרעקלעכער גאָט?

איך זע אים, דײַן צאָרן, אין האַרץ פֿון דער מאַמע,
וואָס זינגט אין די נעכט צו אַ ליידיקער וויג.
איך זע אים, דײַן צאָרן, אין אויג פֿון דעם קעמפּער,
וואָס הוליעט משוגענערהייט נאָכן זיג.

און ער, מיט צעסטאַרטשעטע אויגן, דער בעטלער,
וואָס קניט אין דײַן אייגן געבעט־הויז, בײַם וואַנט —
„בצלם" געשאַפֿן — דער שטאָלץ פֿון די געטער —
און הינטיש־געפֿאַלן ער שטרעקט אויס אַ האַנט.

ווער ווייס, אפשר האָבן דיר לאַנג שוין דערעסן
די אייביקע תּפילות, די אייביקע לויב,
און שטום דערפֿאַר, גאָט, איז דײַן מויל פֿאַר אָן ענטפֿער,
און דײַן געטלעכער אויער פֿון לאַנג שוין איז טויב.

ווער ווייס, אפשר קוקסטו אײַנגאַנצן נישט אום זיך
אויף דײַנע פֿאַרוואָרלאָזטע, אייביקע קנעכט,
און עס גייט דיר נישט אָן דער טאָגיקער טומל,
און עס גייט דיר נישט אָן דאָס געוויין אין די נעכט.

און אפשר — ווער ווייס — נאָר איך וויל זיי נישט ברענגען
די דאָזיקע ווערטער אַרויס פֿון מײַן מויל.
עס קאָן דאָך נישט זײַן, אַז די פּײַן פֿון די דורות
געווען איז אומזיסט, און אומזיסט זייער גרויל.

ווען דו ביסט נישטאָ

ווען דו ביסט נישטאָ, איז קיין זאַך נישטאָ —
נישטאָ מער קיין שטראַלן אין שפּאַלט פון מײַן לאָדן,
נישטאָ מער קיין היים דאָ, קיין דאַך נישט, קיין באָדן,
ווען דו ביסט נישטאָ, ווען דו ביסט נישטאָ.

ווען דו ביסט נישטאָ, איז קיין זאַך נישטאָ —
נישטאָ מער קיין פלאַטער פון טויבן בײַם פענצטער,
נישטאָ מער געזאַנגען, אין נעסטן — געשפּענסטער,
ווען דו ביסט נישטאָ, ווען דו ביסט נישטאָ.

ווען דו ביסט נישטאָ, איז קיין זאַך נישטאָ,
קיין זאַך נישטאָ מער, נאָר איך בין פאַרבליבן,
אין טונקל פון אָוונט, אין שטומען און טריבן,
צו ווערן פון אומעט און בענקשאַפט צעריבן,
ווען דו ביסט נישטאָ, ווען דו ביסט נישטאָ.

ווען עס פאַלן די בלעטער

(אין טאָג ווען ה. רויזנבלאַט איז אַוועק)

מיט בליקן צום הימל און חלום פון שטראַלן
עס פאַלן די בלעטער.
עס מורמלען אין ערגעץ ווי שטילערהייט קוואַלן —
דאָס וויינען די געטער.

עס רייסט זיך אַ בענקשאַפט אַרויף צו די צווייַגן
מיט טרויער פון נעילה;
עס הערן זיך טריט פון דעם ווינט און זיי שטייַגן —
עס גייט אויף אַ תפילה...

וועל איך אַזוי אויך דאָ, אין אומעט געבונדן,
פאַרזונקען אין טרוימען,
זיצן און בענקען נאָך טעג, וואָס פאַרשווונדן,
נאָך רויך פון דעם קוימען?

און זען, ווי עס טראָגט זיך דער אָדלער אין הויכן,
און בלייַ מייַנע פליגל?
און פרעסן דעם בלוי, וואָס דו קאָנסט נישט דערגרייכן,
ווען טאָג ווערט פאַרזיגלט?

עס פאַלן די בלעטער, זיי פאַלן באַזונדער
און פאַלן אינאיינעם —
הייבט אין דעם בלוט זיך אָן לעשן דער צונטער —
ווילט זיך מיר וויינען...

בײַ דײַן שוועל

בײַ דײַן שוועל דאָרט ליגט דער אומרו
פֿון דעם געמשפּטן,
און ער היט
דעם עכאָ פֿון דײַנע טריט.

בײַ דײַן שוועל דאָרט ליגט די רו
פֿון דעם פֿאַרמשפּטן,
און זי באַגלייט
דײַן שאָטן אויף זײַן קייט.

ביי דײַן שוועל דאָרט הענגט דער ציטער
פֿון אָפּגעריסענעם אַקאָרד.
און מײַן געמיט —
אַ נישט־דערזאָגט וואָרט,
אַ נישט־דערזינגען ליד.

ווּ ביסטו געווען

ווּ ביסטו געווען,
ווען די ערד איז אין קאָנוווּלסיעס זיך פאַרגאַנגען,
ווען דער שטורעם האָט געריסן באַרג און טאָל,
ווען איבער וועלדער איז אַ רויטער פלאַם געהאָנגען,
און אין דער נאַכט — דער עכאָ פון אַ פאַרשטומטן קול? —
ווּ ביסטו געווען?

ווּ ביסטו געווען,
ווען די בייזע שפּעטע שעהען
פון דער קופּערדיקער נאַכט,
האָבן געפונען מיך אין ווונדן דאָ זיך ראָיען,
און געשפּאָט פון מיר, געחוזקט און געלאַכט? —
ווּ ביסטו געווען?

ווּ ביסטו געווען,
ווען צעבענקטע דאָן עס האָבן
גערופן דיך די אויגן מײַנע, אויסגעוויינטע בלינד,
און קיינער ט׳נישט געענטפערט, נאָר דאָס פלאַטערן פון ראָבן
נאָר דאָס קלאַפּן פונעם רעגן, נאָר דער ווינט? —
ווּ ביסטו געווען?

שירה

װען קײן האָפֿנונג איז נישטאָ מער,
זענען טרערן אויך נישטאָ מער.

אין מינוטן שטאַר און שטילע,
װײנט דאָס האַרץ אַרוים איר תּפֿילה.

װײנען גראָזן אין באַגינען —
טראָגן גאָלד אויף פֿליגלען בינען.

קלאַפּט אַ רעגן אין די שויבן —
צעװאָרקען זיך די װײַסע טויבן.

אין אַן אײנזאַם ענגער דירה
זינגט װער שירה.

אַליין

אין דער שטילקייט פון דער נאַכט,
ווען עס שלאָפט דער אומעט אויף די ווענט,
און איך ליג איינזאַם אויף מײַן בעט,
און איך בין מיד —
רעד איך דאַן צו דיין געשטאַלט,
צו דײַן געשטאַלט, וואָס אין מײַן זעל;
גייט אויף דאָס ליד דאַן פון מיין האַרץ,
גייט אויף מײַן ליד.

אין דער שטילקייט פון דער נאַכט,
ווען עס קלאַפט דער רעגן אין מײַן שויב,
און ס'פלאַטערט אויף אַ שטיל געבעט,
און איך וויין —
ווערט מיר פלוצלינג אַזוי לייכט,
ווי עס וואָלט דער טוי מיך אָפּגעפרישט,
ווי איך וואָלט פאַרטאָג אין פעלד געשפאַנט,
אין פעלד אַליין — — —

ביינאַכט

דער הימל איז לויטער,
דער הימל איז ריין,
עס שיינט די לבנה,
שפּאַצירנדיק שיין.

עס פינקלען די שטערן —
באַצירן די נאַכט.
עס שלאָפן שוין אַלע,
נאָר איך בין נאָך וואַך.

מיר טוט עפּעס קלעמען,
איך פיל אַ פאַרדראָס,
איך ווייס נישט אויף וועמען,
איך ווייס נישט אויף וואָס.

איך שטיי בײַ דעם פענצטער
פאַרדאַגהט, פאַרקלעמט...
עס קוקט די לבנה
אויף מיר, ווי פאַרשעמט.

און וועט קומען דער טאָג

און וועט קומען דער טאָג, יענער טאָג,
און וועט שלאָגן די דערוואַרטעטע שעה —
וועט מען לייגן די פּײַן אויפֿן וואָג,
פֿון יענעם, וואָס איז שוין נישטאָ.

און איך, וואָס איך לעב אין מײַן לייד,
און איך, וואָס איך אָטעם אין פּײַן,
וועל צוזען די טענצערס פֿון פרייד,
און הערן די הימנע פֿון שײַן,

און זיצן פֿאַרשפּיגן, פֿאַרשפּאָט,
אַזוי ווי אַ בעטלער אַצינד,
און הינטערן טויער פֿון שטאָט,
דאָרט ציילן אַ וווּנד נאָך אַ וווּנד.

און וועט קומען דער טאָג, יענער טאָג,
בין איך דאָך פֿון לעבן דער נאַר —
טראָג איך דעם סצעפּטער פֿון קלאָג,
זינג איך דעם תּהלים פֿון צער.

אפשר בעסער אַזוי

די פלאַטער־פליג לעבט נאָר איין טאָג
פון מאָרגן־זון ביז זי פאַרגייט.
בײַטאָג איז נאָר פרייד איר פאַרמאָג,
בײַנאַכט אויף איר לויערט דער טויט.

אין פעלד און אין וואַלד און אין שטאָט,
זאָרגלאָז אַזוי ווי אַ קינד,
זינגט זי די וווּנדער פון גאָט
אין פאַרבן און ליכט — און פאַרשווינדט.

די גילאַ לעבט צענדליקער יאָר,
פאַררוקט אונטער מדברשן שטיין,
און וואַרפט אָן אַ שרעק דאָרט ביז גאָר
אויף גאָט, כביכול, אַליין.

זי שיפּעט און פירט אָן אין לופט
פון האַס און פאַראַכטונג אַ כאָר,
און שפּרייט דאָרט איר סם׳יקן דופט
פאַר צענדליקער, צענדליקער יאָר.

ווער ווייס, אפשר בעסער אַזוי,
צו זיין, ווי די פלאַטער־פליג דאָ,
אין לויטערער פריידן־פאַרזוי,
און האָבן נאָר איין חיי־שעה.

עס ציטערט דער צינגל פון וואָג,
דער פֿײַנלעכער סוד איז נישט קלאָר:
די פֿלאַטער־פֿליג לעבט נאָר איין טאָג,
די גילאַ לעבט צענדליקער יאָר.

אין חלום פון טריט

איך וויל נישט באַוויינען די בלעטער,
וואָס זענען אין האַרבסט שוין געפאַלן —
נאָר די, וואָס זיי וועלקן אויף צווײַגן,
נאָך אַלץ צו די ביימער געבונדן,
און האָפן, אין אַנגסטן, אויף זון נאָך,
און טרוימען, אין קימער, פון שטראַלן,
און ווערן פון ברוגזע ווינטן
אין פײַנלעכער שרעק אָנגעצונדן.

איך וויל נישט באַוויינען דעם מענטשן,
וועמענס שטערן עס איז שוין פאַרגאַנגען —
נאָר דעם, וואָס געקאָוועט צום לעבן,
אין טיפן און אין אייביקן שטומען,
און הערט צו דעם יאָמער פון שטורעם,
אַליין, אין זײַן עלנט געפאַנגען,
און חלומט פון טריט, און אים דוכט זיך,
אַז אפשר וועט עמעצער קומען.

ס׳מעג רויק שוין זיין דיין געמיט

ס׳מעג רוּיִק שוין זײַן דײַן געמיט,
קאָנסט נײַע חלומות שוין וועבן
און זיכערער שטעל דײַנע טריט —
איך האָב דיר פון לאַנג שוין פאַרגעבן.

און טליִעט אַ פונק נאָך פון האַס,
וועט פונק שוין נישט ווערן קיין פלאַקער —
כ׳האָב לאַנג שוין פאַרלאָזן די גאַס,
פאַרביטן די שווערד אויף אַן אַקער.

איך האָב מיט מײַן מזל אַזוי,
אַ שלום געשלאָסן פון לאַנג שוין —
עס טוט מיר שוין קיין זאַך נישט וויי,
און קיין זאַך עס טוט מיר נישט באַנג שוין...

מיט נעגל און ציין

ווי דער טערמיט אין די צעלן פון האָלץ,
אַזוי פרעסט דער ווימטער צווייפל מײַן געמיט.
ווי דער פעך, וואָס איז צעזשאַרעט אונטערן פלאַם,
אַזוי זידט אַרוים מיין בלוט פון ווײַ זײַן ליד.

קייקלט זיך דאָס וואָרט פון מײַן פאַרשרפּהטט האַרץ,
ווי עס קייקלט זיך דער דונער־עכאָ איבער בוים.
זיצט אַן אָדלער אַ פאַרוווּנדעטער אין נעסט
און זײַנע פליגל פלאַטערן אין רוים.

הענגט אויף מיינע נעגל זיך דער גלויבן אָן,
קראַמפּט אַרײַן זיך צווישן מײַנע ציין —
ווערט אין פעלד ביי מיר פון יעדער זאַנג אַ שווערד,
ווערט פון יעדן שטויב און זאַמד בײַ מיר אַ שטיין.

דער בוים אין מיין גאָרטן

דער בוים אין מײַן גאָרטן שטייט הויל שוין און נאַקעט,
און ציטערט פון קעלט און פון ווינט.
אַ ראָב אין די הויכן דאָרט דרייט זיך און קראַקעט —
שטייט ער פאַרשעמט, ווי אַ קינד.

געהאַט אַמאָל פריינד דאָ: אַ גרעזל, אַ בלימל,
און פייגל־געזאַנג אַזוי פיל.
איצט קוקט אויף אים בייז אַ פאַרכמאַרעטער הימל,
און ס׳יאָמערט אַ ווינט אין דער שטיל.

דער בוים אין מײַן גאָרטן שטייט עלנט, פאַרלאָזן
און וואַרפט אָן אַן אומעט אַרום.
ווי לאַנג וועלן ווינטן נאָך בייזע דאָרט בלאָזן?
ווי לאַנג וועלן פליגל זײַן שטום?

אַמאָל שטעלט זיך אָפּ אויף די בלוטלאָזע צווייגן
אַ פויגל, פאַרבלאָנדזשעט און מיד,
און ס׳הייבט אָן באַלד דאָרט אין די הויכן צו שטײַגן
דער קלאַנג פון אַ פויגלס אַ ליד.

ווערט וואַרעם און ליכטיק דעם בוים אינעם גאָרטן,
דער אומעט אַרום אים פאַרשווינדט.
עס דאַכט זיך דיר אויך, אַז ס׳האָט אויפגעהערט דאָרטן
דאָס וואָיען און קלאָגן פון ווינט.

רוט אָפּ זיך דער פויגל, און ער, מיט זײַן זינגען,
פֿאַרלאָזן דעם נאַקעטן בוים —
אין הימל די שטערן אים לאָקן און ווינקען —
לאָזט ער זיך זוכן זיין היים.

ווערט ווידער דאָרט אומעטיק, קאַלט און פֿאַרפֿראָרן,
און ווידער ווערט שווער דער געמיט,
און ווידער אַ בייזער אַ ווינט ווערט געבאָרן,
און זינגט דאָרט זײַן טרויעריק ליד.

אַזוי שטייט דער בוים מיטן ווינטערשן זיגל:
עלנט און איינזאַם און לער,
און וואַרט אויפֿן פֿלאַטער פֿון בלאָנדזשענדע פֿליגל,
און וואַרט אויף אַ הימלישע טרער.

דער בוים אין מײַן גאָרטן שטייט הויל און פֿאַרלאָרן...
ווי אומעטיק — שווער דער געמיט!
און ס'גייט אויף דאָס ליד פֿונעם מדברשן דאָרן
פֿון פֿייגל פֿאַרבלאָנדזשעט און מיד.

ערשטע טריט

פערלדיקע טרערן

אַלע טראָצן, אַלע ניינען,
אַלע קרעכצן און געוויינען,
אַלע פּיינען, אַלע ווייען,
זיי פאַרשווינדן, זיי פאַרגייען,
ווי פאַרטאָג די העלע שטערן,
ווען די פּערלדיקע טרערן
פון אַ קינד אין שפּעטע שעהן,
הייבן פּלוצלינג אָן פאַרטויען
זײַנע מידע, גרויסע אויגן,
און זײַן הערצל ווערט פאַרצויגן,
אין דעם נאַכטיק-טיפן דויער,
מיט אַן אומעט, מיט אַ טרויער.
ווערסט צעפּלאָטערט, טוסט אַ צאַפּל:
אָ, מיר זאָל זיין פאַר זײַן שוואַרצאַפּל!
פאַלסט צו אים צו און הייבסט אָן קושן —
ווילסט פאַרווישן, ווילסט פאַרטושן —
קושסטו אים די פּײַכטע באַקן,
קושסטו אים אויף האַלדז און נאַקן,
קושסט אים איינס, און קושסט אים ווידער,
קושסטו אים אין אַלע גלידער
און ער ווערט אַזוי דיר טײַער.
ס'האָט נאָך קיינמאָל אַזאַ פײַער
אין דײַן האַרץ זיך נישט צעצונדן.
אַלץ אַרום, אַלץ ווערט פאַרשוואונדן:

ערד און הימל, זון און שטערן,
פֿאַר די פּערלדיקע טרערן.
אַך, דער מלאכל דער קליינער —
מיר זאָל זײַן פֿאַר זיינע ביינער!

אַ מלאכל

וויִ בלִיִענדע רויזן די צאַרטינקע בעקעלעך;
קרייזעלעך גילדענע — הענגען ווי גלעקעלעך;
ליפּעלעך ראָזאָווע — פרישענקע בלימעלעך;
אייגעלעך בלאָיִנקע — צוויי קלאָרע הימעלעך,
קוקן זיי — שטראַלט פון זיי, ווי פון אַ קוואַלעכל.
נעמסטו אַרויף אויף דײַן שויס דעם קליין מלאכל,
טוליעט עס זיך צו דיין ברוסט מיט זײַן קעפּעלע,
פינגערלעך צאַרטינקע דרייען אַ קנעפּעלע,
קלייניִנקע, ווייכינקע הענטעלעך אומאַרמען דיך —
ווערט אַזוי גוט, אַזוי זיס, אַזוי וואַרעם דיר...
און דו דערציילסט עס אַ מעשה אַ שייניִנקע,
הערט עס זיך צו, און דאָס הערצל דאָס רייניִנקע,
קלאַפּט אין דער שטיל, ווי אַ קלייניִנקער האַמערל.
די מעשה איז שרעקלעך: „עס האָט פון אַ קאַמערל
איינמאָל פאַרבלאָנדזשעט אַ קלייניִנקע זעלדעלע
אין אַ געדיכטן און טיפענקן וועלדעלע“...
ווערן די שייניִנקע אייגעלעך ליבינקע
פּלוצלינג אַזעלכענע טרויעריק־טריבינקע.
הענגען ווי מאָרגן־טוי, צוויי קלאָרע טרערעלעך,
זענען זיי קלאָרער און שענער פון פּערעלעך.
הייבסטו דאַן אָן אַ פריילעך געשיכטעלע —
שטראַלט ווי די זון דאָס פאַרטרויערט געזיכטעלע,
פאַרשווינדט פון דעם רייניִנקן הערצל דאָס קימערל,
און ס׳הילכט אָפּ אַ קינדיש געלעכטער אין צימערל —

כי—כי—כי! און ברייט איבערן זאַלעכל
לאַכט מיט אַ זילבערן קולכל דאָס מלאכל.
און ס׳לאַכן די טישן, די שטולן, די שויבן מיט,
און ס׳לאַכן די פייגל אויף ביימער, אויף מעכטיקע,
און ס׳לאַכן די בלומען די שיינע, די פּרעכטיקע,
און ס׳לאַכן די הימלען... און גאָט, וועלכער וואַכט דאָרטן,
קוקט אויפן מלאך אַרונטער און לאַכט דאָרטן...

האָב איך מיר אַ גאָרטן

האָב איך מיר אַ גאָרטן —
וואַקסן בלומען דאָרטן,
וואַקסן בלומען שיינע,
ווײַסינקע און ריינע,
בלויע, רויטע, געלע,
און די שטראַלן העלע
צערטלען זיי און וואַרעמען,
קושן און אומאַרעמען.

האָב איך מיר אַ גאָרטן —
שטיפן קינדער דאָרטן.
שפּרינגען, ווי די האָזן,
אויף די סאַמעט-גראָזן,
זינגען זיי און טאַנצן,
און די אויגן גלאַנצן,
רויטלען זיך די בעקלעך,
ווי די בלומען-גלעקלעך.

האָב איך מיר אַ גאָרטן —
שטייען ביימער דאָרטן,
שטייען ביימער מעכטיק,
הויך און שטאָלץ, און פּרעכטיק,
הערן זיך געזאַנגען —
זילבער-פייגל-קלאַנגען,
צוויטשערן זיי לידער —
זומער איז דאָ ווידער.

טראָגט זיך אַ פויגל

טראָגט זיך אַ פויגל אויף פליגלען צעשפּרייט,
טראָגט זיך און זייט אַרום זון־שײַן און פרייד.
גייט אויף אַ ליכטיק, אַ ווונדערלעך ליד
אין הערצער פון וויי, און פון שווערן געמיט.
גייט אויף אַ לויטערער אָנזאָג פון שײַן
אין אויגן, אין מאַטע, פון טרערן און פּײַן.
הייבן זיך פּיס, ווי געוויכערט פון ווינט,
און גייען אַ ריקוד צעברויזטע, געשווינד.
און בלוט ווערט צעוואַרעמט, און זעל ווערט צעגליט —
אָ, האַר פון די הימלען! באַשירעם, באַהיט
דעם פויגל, וואָס טראָגט זיך אויף פליגלען צעשפּרייט,
און זייט אַרום האָפענונג און זון־שײַן און פרייד!

איך וויל, אַז מיין קינד זאָל זיין פרײַ, ווי דער ווינט

איך וויל, אַז מײַן קינד זאָל זײַן פריי, ווי דער ווינט,
און זוניק זײַן בליק, ווי דער זאַנג אין דעם פעלד,
און פריידיק זײַן האַרץ, ווי דער שפּרינגענדער אינד,
ווי דאָס לעבן אַליין, ווי די זון, ווי די וועלט.
און זאָל זינגען זיין זעל, ווי די בייט, ווען זי גרינט —
איך וויל, אַז מיין קינד זאָל זײַן פרײַ, ווי דער ווינט.

און קומט אָן אַ צייט, דאָס לעבן ווערט בלאָס,
און חושך אויף וועלט, און ברוייזיק דער ים —
זאָל די פרייד פון זיין האַרץ זיך נישט בײַטן אויף האַס,
זאָל זײַן זוניקער בליק נישט פאַרצערן אין פלאַם.
ווײַל מאָרגן קומט אָן, ווייל חושך פאַרשווינדט —
איך וויל, אַז מײַן קינד זאָל זײַן פרײַ, ווי דער ווינט.

די ערשטע טריט

דאָס קינד האָט געשטעלט הײַנט די ערשטע פּאָר טריט,
קוק איך און טראַכט, און עס וויינט מײַן געמיט...

ווער ווייס דעם פאַרבאָרגענעם וועג דאָרט, וווּהין
די קינדערשע טריט וועלן פירן אַהין?

צי איז דאָס דער וועג, וואָס איז ליכטיק און העל,
און וואַרעמט דײַן בלוט, און לײַטערט דײַן זעל?

צי איז דאָס דער וועג פון געבענטשטן פאַרמעסט,
וואָס פירט אין דער הייך, און צום אָדלערשן נעסט?

און אפשר דער וועג, וואָס עס פירט גאָר צומאָל,
אַריבער דעם באַרג און אַריבער דעם טאָל,

און טראָגט זיך מיט אימפּעט צום אָפּגרונט... צום ראַנד,
וווּ חושך און פּחד עס הערשן בײַנאַנד?

שלענגלען זיך וועגן און שטעגן אַ סך:
זוניקע קווערן און שטיינערנער שליאַך.

הער איך פון ערגעץ אַ קול און עס רופט —
צי איז דאָס אַ פייגל־געזאַנג אין דער לופט?

צי אפשר גאָר איז דאָס אַ קלאָגן פון ווינט,
אויף וועגן פאַרוואָרלאָזט, ווו עס בלאָנדזשעט מײַן קינד?

איך קוק אויף די ליבינקע פיסלעך אין גאַנג,
איך קוק און איך טראַכט, און עס טוט אַזוי באַנג...

פאַבלען און פאָלקס-מאָטיוון

וואָרקע די טויב און געמיינטשע די קאַץ

געזעסן איז וואָרקע די טויב אין איר נעסט,
אַליין, אָן אַ פריינד, אָן אַ חבר, אָן געסט.
מיט צעבראָכענעם פליגל און שווערן געמיט,
געזעסן, געוואָרקעט אַן אומעטיק ליד.
דערהערט האָט דאָס וואָרקען געמיינטשע די קאַץ
און געקומען צולויפן דאָרט גלײַך אויפן פּלאַץ.
מיט אויגן און וואָנצעס פאַרריסן אין הויך,
און וואָרקען געגריסט מיט אַ קול אַזוי ווייך:
— גוט־מאָרגן דיר, וואָרקע, דײַן אומעטיק ליד
צערייסט מיר מײַן האַרץ און מײַן יעטוועדעס גליד.
דו זינגסט און איך הער, און עס טוט אַזוי ווי —
אומזיסט וועט דאָך קיינער נישט זינגען אַזוי —
אָ, טײַבעלע, זאָג מיר, וואָס האָט דיר פּאַסירט?
עס קאָן פון דײַן ליד דאָך אַ שטיין זײַן גערירט!
דו ווייסט, איך אַליין האָב געלאָזן אַ טרער.
זאָג זשע מיר, וואָרקעלע, וואָס איז דער מער?
— כ'בין קראַנק און בין הונגעריק, איינע אַליין —
ענטפערט איר וואָרקע און ברעכט אויס אין געוויין, —
צעבראָכן מײַן פליגל, און שנייאיק מײַן מאַן
אַוועק זוכן עסן, און, ווייסטו, פון דאַן
פאַרלאָפן שוין טעג, און מ'הערט נישט פון אים,
דערפאַר טו איך וואָרקען מיט אַ טרויעריק שטים.
זאָגט ווידער געמיינטשע מיט טיפן געפיל,
און ס'גליען די אויגן בײַ איר אין דער שטיל:
— כ'בין גרייט דיר צו העלפן — עס רירט מיך דײַן גרויל,
אָט ברענג איך אַ טרייסט דיר, און עפּעס אין מויל...

— ניין! ניין! שרײַט אויס וואָרקע: דו שטיי פון דער ווײַט!
מײַן מאַן וועט נאָך קומען צופליען אין צײַט.
דערווײַל וועל איך זיצן און זינגען מײַן ליד,
און אויב דאָס ליד רירט דיך, איז זינג מיט מיר מיט.
— וואָס שייך עס רירט מיך? איך בין דאָך דײַן פרײַנד,
אַ נאַר אָבער ביסטו, מײַן טײַבעלע הײַנט —
צו וואָס דיר דער הונגער? צו וואָס זײַן אַליין?
זיך עסן דאָס הארץ אין אומזיסטן געוויין?
דײַן מאַן איז אַוועק, און וועט מער שוין נישט זײַן.
טאָ זײַ זשע אַ קלוגע און לאָז מיך אַרײַן.
— ווער וויים, אפשר אמת, האָט וואָרקע געטראַכט:
אַט ווידער אַ טאָג שוין, און ווידער אַ נאַכט,
און שנייאיק קומט אַלץ נאָך אַהיים נישט צוריק...
אַ שוואַרצער געדאַנק האָט געטאָן איר אַ פּיק:
כ׳וועל בלײַבן אויף שטענדיק שוין קראַנק און אַליין,
געמיינטשע אַ פרײַנד איז, זי רעדט אַזוי שיין...
און וואָרקע באַשלאָסן האָט באַלד און אויף גיך:
פאַרבעטן דער ג ו ט ע ר געמיינטשען צו זיך.

*

דער הימל איז ליכטיק און שטראַליק געווען,
דער ווינט האָט געפרייט זיך, ווי גאָרנישט געשען.
געמיינטשע, מיט פעדערן ווײַסע באַדעקט,
געלעגן אין גראָז איז, די וואָנצעס געלעקט,
געלעגן, געדרימלט, געשטשירעט די ציין,
געחלומט פון טײַבעלעך קראַנק און אַליין...

דער דלות און די קאַפּאָטע

עס האָט צו אַ יידן, רחמנא ליצלן,
דער דלות פאַרקליבן זיך גאָר אויבנאָן,
צעלייגט זיך גאַנץ ברייטלעך אויף טיש און אויף בענק,
און וויל נישט אַוועקגיין, כאָטש גיב אים אַ קרענק.
— הער נאָר, דו דלות, זאָגט איינמאָל דער ייד,
און ס׳ציטערט פאַר כעס אין אים יעטוועדעס גליד,
וואָס איז דער זינען? און וואָס איז דער מיין?
איך ווים נישט, איך הייב עס נישט אָן צו פאַרשטיין —
דו נעמסט, און דו רוקסט זיך אַרײַן אין געדרענג,
כ׳לעבן, אָן דיר, איז מיר אויך דאָ גאַנץ ענג!
גענומען — געמאַכט אין מײַן הויז זיך אַ נעסט,
און זיצט זיך צעשפּרייט אויף אומזיסטיקע קעסט!
אָן עק מוז עס נעמען! אַלץ האָט דאָך אַ שיעור!
נו טאַקע, איך בעט דיר, וואָס האָסטו צו מיר?
ווייסטו וואָס, דלות, אָט פאָלג, אויף מײַן וואָרט,
גיי און זוך אויס דיר אַן אַנדערן אָרט. —
— גערעכט, — זאָגט דער דלות, — און שטשירעט די ציין, —
כ׳וואָלט, גלייב מיר, אַוועקגיין געוואָלט שוין אַליין,
נאָר, זאָג מיר, איך בעט דיר, ווי קאָן איך עס טאָן,
איך גיי דאָך אין טראַנטעס, אָט קוק מיך נאָר אָן.
אַזוי וועל איך „מופן״? חלילה וחס!
עס איז מיר אַ חרפּה זיך ווײַזן אין גאַס.
איך דאַרף אַ קאַפּאָטע, און קויפסטו עס מיר,
פאַרקלײַב איך זיך גלײַך אויף אַ צווייטער קוואַרטיר...

דערהערט די דיבורים — מײַן ייִד ווערט דערפֿרייט.
ער מעסט אָפּ דעם דלות די לענג און די ברייט,
און גלײַך אַ קאַפּאָטע בײַם שנײַדער באַשטעלט.
נאָר ווו נעמט מען קלינגערס? ווו נעמט מען געלט?
עט! קריגט מען אַן עצה, נאָר נישט געזאָרגט:
פֿאַרזעצט מען אַ קישן, אין קלייטל מ'באָרגט,
פֿאַרזעצט מען אַ לײַכטער, אַ פֿערענע אויך,
מ'יאָגט זיך, מ'שמאַיעט, עס גייט אַזש אַ רויך.
עס מוז די קאַפּאָטע זײַן פֿאַרטיק אין צײַט,
דער דלות זאָל קאָנען זיך ווײַזן פֿאַר לײַט...
איז אַרבעט דער שנײַדער, און ער, אונדזער ייִד,
ער לייט און ער באָרגט, און ער ווערט גאָרנישט מיד.
ער איז שוין פֿאַרזונקען אין חובות אָן צאָל.
נאָר דאָ איז אַ וווּנדער געשען מיטאַמאָל:
דער דלות, אָ הימל, וואָס איז פֿאַר אַ פּלאָג?
ער וואַקסט און ווערט גרעסער מיט יעדערן טאָג...
דער ייִד אָבער זאָרגט נישט, נו ווייס איך דאָרט וואָס!
מ'האָט דאָך דעם שנײַדער געגעבן אַ מאָס...
איז נאָך אַ שטיק אַטלאָס! איז נאָך אַ חוב ווו!
עס מוז דאָך דער דלות אים לאָזן צורו.
נאָר יענער, דערוויַילע, ער וואַקסט... און, אוי וויי,
ער האָט זיך בײַם ייִדן צעוואַקסן אַזוי,
אַז, ענדלעך, ווען ס'האָט שוין, אין איינמאָל אַ נאַכט,
דער שנײַדער דעם פֿאַרטיקן בגד געבראַכט,
געווען איז דער דלות שוין גרעסער פֿון הויף
און ס'איז די קאַפּאָטע אויף אים נישט אַרויף...

באַרוט און צופרידן

(כמעט אַ פּאַבל)

די זעג האָט אַ בייזע געברומט און געשיפּעט,
אַזויווי אַ שלאַנג אונטער שטיינער און שפּאַלן,
דער בוים האָט אָן אויפהער געקרעכצט און געכליפּעט,
געוועדט זיך, געקעמפּט, נישט געלאָזן זיך פאַלן.

אין גרויסער פאַרצווייפלונג, אין קאַמף פאַרן לעבן,
געשיקט אַ געבעט צו די מעכטיקע שפּיצן,
פון ברייטע טאָפּאָליעס, וואָס האָבן דערנעבן,
געלאָזן דעם נאָמען אין וואָלקנס זיך קריצן.

געוואָרפן אויך בליקן, געבעטן רחמנות,
צו שרײַענדע פייגל אויף צווײַגן און נעסטן:
צו ראָבן און קראָען, און דזשיים, און וואָראָנעס,
וואָס האָבן אין טומל געטאָן זיך פאַרמעסטן.

די שטאָלצע טאָפּאָליעס זיי האָבן געשוויגן...
דאָך שטיל זיך געשושקעט: אַ שנעק אַ פאַרשײַטער!
אַ חוצפה! פאַר וועמען עס לוינט זיך צו קריגן!
פאַר אים איז קיין רחמים! זײַן מזל — דער שײַטער!

די פייגל געלייגט האָבן אויך נישט קיין אַכטונג,
ווער שמועסט די רוישיקע ראָבן און קראָען:
זע נאַר, אַ בוים איז דאָס! פוי, אַ פאַראַכטונג!
מ׳קאָן דען אָן אמתן נעסט אויף אים בויען?

דער בוים האָט געקרעכצט און די זעג האָט געשיפּעט,
געברומט און געבילט און מיט רוגזה באַפאַלן,
דער בוים האָט געווערט זיך, געבעטן, געכליפּעט,
און ענדלעך, אַן אונטערגעהאַקטער, געפאַלן.

ערשט דאַן האָט די זעג זיך מיט אימפּעט צעשיפּעט,
דער אָרעמער בוים איז געוואָרן צעגלידערט —
און שטיל איז געוואָרן, קיין וויינען, קיין כליפּען, —
די וועלט איז באַרוט שוין, די וועלט איז צופרידן.

אויף מאָרגן, דער עכאָ פון העק און פון זעגן,
מיט העלנטלעך געמאַכטע פון בוים, וואָס געפאַלן —
האָט ווידער פאַרקלונגען די וואַלדיקע וועגן,
מיט זייער צעבייזערטן שיפּען און שאַלן.

און איינער ביים צווייטן, מיט קרעכץ און מיט טומל,
עס זענען געפאַלן די מעכטיקע שפּיצן,
די ברייטע טאָפּאָליעס, וואָס האָבן אין הימל,
ערשט נעכטן געלאָזן דעם נאָמען זיך קריצן.

דאָס ליד פון דער נייטאָרין

(פאָלקס־מאָטיוו)

כ׳בין אַ נייטאָרין און ניי —
האָב איך אויגן בלויע צוויי,
ווער פאַרליבן זיך אין זיי
אוי, אַ יונג מיט ביינער.

ניי איך, ניי איך אָן אַ שיעור,
ווערט דער יונג דאָרט ביַי דער טיר,
שטיין און וואַרטן לאַנג אויף מיר,
אויף זײַן איינציק־איינער.

ווערט דער יונג דאָרט וואַרטן לאַנג —
טוט עס מיר דאָך טאַקע באַנג —
אפשר ווערט ער גיין זײַן גאַנג,
און נישט ווערן וואַרטן?

ניי איך... און די צײַט זי פאָרט...
אוי, ווי כ׳האָס דעם זייגער דאָרט,
זע, ער רירט זיך נישט פון אָרט,
ווי פון פעך פון האַרטן.

ניי איך, ניי איך וואָך נאָך וואָך,
ניי איך, און מיט יעדן שטאָך,
ווערט אין לונג ביַי מיר אַ לאָך,
כ׳זע דעם תהום דעם שוואַרצן.

כ׳בין אַ נייטאָרין און ניי,
און די אויגן טוען וויי,
און אין האַרצן ברענט אַזוי,
ברענט אַזוי אין האַרצן.

וועל איך אומגיין אויף די וועגן

(פאָלקס־מאָטיוו)

וועל איך אומגיין אויף די וועגן,
וועל איך בײַ די שטיינער פרעגן:
ליבע שטיינער,
האָט געזען איר אַ באַטריבטן,
ערגעץ בלאָנדזשען מײַן געליבטן,
האָט איר נישט געזען אים קיינער?
שושקען זיך די שטיינער:
נישט געזען אים קיינער.

וועל איך אומגיין אויף די וועגן,
וועל איך בײַ די גראָזן פרעגן:
ליבע גראָזן,
זאָגט, איז ווו פון טוי אַ נאַסער,
דאָ געווען אַ יונג אַ בלאַסער,
זאָגט, האָט איר געזען מײַן חתן?
סודן זיך די גראָזן:
נישט געזען דײַן חתן.

וועל איך אומגיין אויף די ברעגן,
וועל איך בײַ די ימען פרעגן:
ליבע ימען,
אפשר איז אַ יונג אַ מידער,
אויסצוּרוען זײַנע גלידער,
ערגעץ ווו צו אייך געקומען?
און די ימען ברומען:
יאָ, ער איז געקומען.

װעל איך מער שױן קײנעם פֿרעגן,
און פֿאַרלאָזן אַלע װעגן,
און װעל לױפֿן צו די ימען,
מיט מײַן חתן זײַן צוזאַמען.

פון תהומען און הויכן

1

מדבר

מיט זאַמדן צעברויזטע אין דוניעס, ווי כוואַליעס צעשטורעמט אויף ימען,
מיט שטיינער צעשׂרפהט פון זונען, אין מידן און אייביקן דרימלען,
עס וויינען די ווינטן אויף אַלטע פאַרלוירענע שטאַמען,
עס קלאָגן אויף טרוימען צעשטערטע, צעזשאַרעטע קופּערנע הימלען.

ס'איז פּרעכטיק און שרעקלעך דער מדבר, גוט און צעבייזערט אין איינעם.
גיט האָפנונג און ציטער פון גלויבן, און פּײַנלעך־צעשטערטע חלומות,
איז ליב און איז פרײַנדלעך צו יעדן, און האָט קײַן רחמנות אויף קיינעם,
איז פרײַ און איז פריידיק מיט לעבן, און לעבנס צערײַסט ער ווי שיימעס.

יאָ, אַלץ איז פאַראַן אין דעם מדבר: פאַראַן דאָ די קראַפט פון פאַרלאַנגען,
די טײַוולשע לוסט פונעם נעמען, די זעלישע פרייד פונעם געבן,
פאַראַן דאָ אי שטילע געבעטן, אי הילכיק־פאַרשײַטע געזאַנגען,
פאַראַן דאָ אי מיטלײַד, אי חוזק, פאַראַן דאָ דער סוד פון דעם לעבן.

2

„הילא־מאָנסטערס"

פֿאַרצוקט אונטער אוראַלטע פֿעלדזן, אין אייביקער מורא פֿאַר שטראַלן,
מיט פֿינצטערע טראַציקע בליקן, זיי שטעלן דער וועלט אַרויס צונגען.
אַלץ וואָס עס שרעקט און דערווידערט, אין זיי דאָרטן טוט זיך צעפּראַלן —
זיי זענען די היטערס פֿון מדבר, פֿון טײַוול אַליין ווי געדונגען.

די קערפּערס מיט קופּערנע שופּן, די קולות מיט קללות געשפּונען,
זײַ שרײַען מיט גיפֿט אין דעם אָטעם, און בלוט־קילן פּחד זיי שפּרייטן.
זיי טראָגן אַ שׂנאה צו וועלטן, וואָס האָבן אַ שטערן, אַ זונען,
און ליגן פֿאַררוקט אונטער פֿעלדזן, און פֿרעסן דאָרט איינער דעם צווייטן.

3

מיראַזש

אַמאָל אין דעם מדבר, פֿאַרחלשט, מיט זאַמדן אין האַלדז און אויף ליפּן,
דערזעסטו, דורך אויגן דורך מאַטע, אַ נס, וואָס דו קאָנסט עס נישט גלויבן:
טראָפּנס, ווי הונדערטער טרערן, זיך הוידען אין לופֿטן און טריפֿן,
וואַסערן, ריין ווי קרישטאָלן, פֿאָנטאַנען, וואָס פֿליסן פֿון אויבן.

עס לאָקט דיך און רופֿט דיך דער וווּנדער, דו שלעפּסט זיך, נאָר קאָנסט אים
נישט גרייכן,
ביז וואַנען ס׳גייט אוים דיר דער חיות, דאַן זעסטו דעם חוזק פֿון יענעם.
ווײַל דאָס איז דער שפּאַס פֿון דעם מדבר, די שפּיל פֿון תהומען און הויכן,
דאָס סילוקט פֿאַר האָפֿנונג דער אָפּגרונט, דאָס צאָלט פֿאַר בטחון דער
גיהנום.

דער וואַלד ברענט

די זון אין דער הויך האָט געוואָרפֿן
די בליקן פֿון העלישן צאָרן
און ס'האָט זיך געקאָרטשעט די ערד
אין גיהנומשע פֿלאַמיקע ווייען —
די נאַכט האָט אין אַנגסטן, אַ בייזן,
אַ טאָג פֿול מיט שרעקן געבאָרן,
און ס'האָבן רויטקאַמיקע הענער
דעם פּחד גענומען צעקרייען.

איין גראָז נאָך דעם צווייטן מיט אומעט
דעם קאָפּ האָט אַרונטערגעבויגן,
און אין ווייסטער פֿאַרצווייפֿלונג, פֿאַרשמאַכטע,
צו דער פֿאַרמעטנער ערד צוגעפֿאַלן,
אַזוי ווי עס פֿאַלן צו קינדער
מיט שטאַרע פֿאַרוואָרלאָזטע אויגן,
און זוכן די טרוקענע בריסטן
פֿון מאַמעס, וואָס זענען געפֿאַלן.

און אַלץ דאָ אַרום האָט געפֿיבערט,
ווי אַ קראַנקער, אַ חולה מסוכן.
און אַלץ דאָ אַרום האָט געקראַמפּט זיך,
פֿאַרצווייפֿלט, אָן האָפֿנונג, פֿאַרלאָרן,
ווי דאָרשטיקע צינגער אין מדבר,
וואָס סטאַרטשען צעשפּאָלטן און טרוקן.
און אויבן די זון האָט געוואָרפֿן
די בליקן פֿון העלישן צאָרן.

און אַלץ דאָ: אי חיות, אי פֿייגל,
אי ביימער, אי גראָזן, אי בלומען —
איין לעבן, איין וועלט און איין אומגליק,
איין קרבן און אַלע אינאיינעם.
אַ טאָג פֿון וויסטער נקמה,
אַ טאָג פֿון שטראָף איז געקומען,
איז מיטלייד געקאָוועט אין קייטן,
נישטאָ קיין רחמנות פֿאַר קיינעם.

הייבן זיך פֿייגל פֿון נעסטן
אויף שווערע, אויף בלייערנע פֿליגל,
און פֿלאַטערן שטיל אין דער לופֿטן,
פֿאַלן גלייך מאַכטלאָז אַרונטער.
דער משפּט איז לאַנג שוין געחתמעט,
דאָס בוך איז פֿאַרמאַכט און פֿאַרזיגלט,
די ערד איז פֿאַרסמט און צעזשאַרעט,
דער הימל איז פֿייער און צונטער.

צעשראָקענע חיות מיט אויגן,
וואָס סטאַרטשען אַרויס פֿון די לעכער,
זיי דרייען זיך ווילד און משוגע,
און אָטעמען שווער און פֿאַרלאָרן.
און טויב ווערט דער וואַלד פֿון אַ ברומען,
וואָס הייבט זיך אַלץ העכער און העכער —
און אויבן די זון האָט געוואָרפֿן
די בליקן פֿון העלישן צאָרן.

און פּלוצלינג, מ׳ווייסט נישט פֿון וואַנען,
מ׳ווייסט נישט וויאַזוי ס׳איז געקומען,
נאָר געקומען מיט תהומישע שרעקן,
געקומען מיט שווידער און זיכער —

עס האָט זיך צעעפֿנט דער גיהנום,
מיט טײַוולשן רעווען און ברומען.
דער וואַלד איז געוואָרן צעצונדן,
פֿאַרכאַפּט אין אַ פֿלאַמיקן ווירבער.

און ס׳טראָגט זיך דער ווירבער מיט אימפּעט,
און ווײַס נישט פֿון גרענעץ און צאַמען,
ער טראָגט זיך אויף פֿליגלען פֿון אומקום,
אויף פֿליגלען פֿון טויט און פֿאַרצערונג.
דער אוראַלטער וואַלד איז אין בראַנדן —
אַ וועלט איז געטובלט אין פֿלאַמען —
און אַלץ דאָ אַרום איז פֿאַרניכטונג,
און אַלץ דאָ אַרום איז צעשטערונג...

טוליעט אַ קליינינקער ביימל
מיט ווײַ און מיט שרעק זיך צום זיידן,
אַ מעכטיקן דעמב, וועמענס שפּיצן
געדענקען די טעג פֿון פֿאַרצײַטן.
צערעווען זיך טויזנטער שדים:
אַ טויט! אַ טויט! צו זיי ביידן!
און הירזשען מיט גלוטיקן חוזק,
און גייען אַ טאַנץ אַ פֿאַרשײַטן.

אַזוי האָט געברענט און געפֿלאַקערט
דער וואַלד פֿון איין עק ביזן צווייטן;
אַזוי איז אַ מעכטיק באַשאַף דאָ
פֿון דורות געגאַנגען פֿאַרלאָרן,
געפֿיבערט אין פֿענטעם פֿון פֿײַער,
געקאָרטשעט אין גליִענדע קייטן.
און אויבן די זון האָט געוואָרפֿן
די בליקן פֿון העלישן צאָרן...

דער קעלער

דער העלער פֿאַרטאָג

פֿאַרטאָג קומט די זון ווי אַ מאַמע,
מיט בענקשאַפֿט און פֿרייד אין די אויגן,
און גלייך ווי אַ מאַמע געטרײַע,
זי קושט און זי צערטלט דעם מויער.
און שטראַלן, ווי לוסטיקע קינדער,
הענדום, און פֿרײַ, און צעלאָזן,
זיי לויפֿן, און שפּרינגען, און יאָגן,
און טרײַבן דעם נאַכטיקן טרויער.

צעעפֿנט זיך האַסטיק דער קעלער
מיט רעש און פֿאַרביסענע ליפּן.
און ס'הילכן אָפּ טריט אין אַ ריטעם
אויף טרעפּ דאָרט, צעסקריפּעט אין צאָרן.
צעפּראַלן זיך לונגען פֿאַרבענקטע,
און טרינקען די מאָרגן־לופֿט דאָרשטיק,
און בלײַבן פֿאַרגאַפֿט, ווי אין וווּנדער —
אַ נײַער טאָג מי איז געבאָרן.

בײַטאָג

בײַטאָג, ווי אַ פֿאַרחלשטע חיה,
וואָס פֿיבערט פֿון היץ, און אַ קראַנקע,
זיצט שווער אויפֿן קעלער דער מויער,
און רוט זײַנע מאָנסטרישע ביינער.
שטרענגט אָן זײַנע בליקן דער קעלער
און שמייכלט סאַרקאַסטיש אַרויפֿצו:
אָט זע נאָר דעם גיבור דאָרט אויבן!
און איך אַזאַ פּיצל און קלֵיינער.

צעלייגט זיך אַ רו אינעם קעלער
מיט נאָבעלער זעל־רעזיגנאַציע.
גייט אויף אַזאַ שטילקייט אין לופֿטן,
וואָס רעדט און רעדט אַלצדינג אַריבער.
צינדט אָן זיך אין אייביקן טונקל
אַ ליכט אַזאַ לויטערע העלע,
און יאָגט זיך צום ברוגזן אומרו,
וואָס זיצט אויפֿן שוועל דאָרט אַ טריבער.

פאַרנאַכט

מיט טירן צעפּראַלטע, ווי מײַלער
פון זאַטע צעגענעצטע היפּאָס,
מיט ברום פון דער רהינא בײַם האָבן,
פאַרגייט זיך דער מויער אין ווייען.
און באַלד פון זײַן אינגעווייד טיפן,
אַ מחנה פון שוואַרצע אינסעקטן,
צעשטראָמט זיך, ווי לאַווע פון קראַטער,
וואָס באַרג קאָן נישט מערער פאַרדייען.

צעברויזט זיך מיט אימפּעט דער קעלער,
ווי ווינט דורך פאַרחלומטע צווײַגן,
און פריידיק באַגריסט זיך מיט בונטע
פאַרשטיפּט-און-פאַרשפּעטיקטע שטראַלן;
צעקלינגען זיך טריט אויף די טרעפּן,
צום טאַקט פון צעריטעמטע הערצער,
און ס'אָטעמען אויגן און לויכטן,
און לאַכן, און זינגען, און שאַלן.

אין אָוונט

גערילט אין אַ שוואַרץ-גרויען מאַנטל,
מיט אויגן פאַרשלאָסן פון מידקייט,
מיט שטאַרע צעפראָרענע ביינער
פון ווינטן, וואָס בלאָזן פון צפון,
שטייט, ווי פאַרלאָרן דער מויער,
און ס'דרייען אַרום אים זיך ראָבן,
און שושקען אים סודות אין אויער,
און זינגען אים לידער צום שלאָפן.

גייט אויף דאָרט אַ בלענד אַ צעשטראַלטער
אין יעטוועדן ווינקל פון קעלער,
און שפרייט זיך מיט קלאָרקייט פון קוואַלן,
און טראָגט זיך מיט אימפּעט פון ימען.
ווערט האָפּערדיק האַרץ און געמיט דאָרט,
צעזינגען זיך וויִעס און אויגן,
מיט זעלישן גליק פון באַלאַנגען,
מיט אויסטערליש פרייד פון צוזאַמען.

בײנאַכט

מיט קאָפּ ערגעץ הויך אין די וואָלקנס,
מיט גדלות — צעפּליגלטן עגאָ,
פֿאַרטראָגן אין זיסע פֿאַרלאַנגען,
שלאָפֿט און עס חלומט דער מויער.
לויערט אַ ווינט פֿון אַ זײַט דאָרט,
און וואַרט אויף זײַן חבר דעם שטורעם,
און פֿײַפֿט און שטערט אים זײַן חלום,
און ברענגט מיט זיך נאַכטיקן טרויער.

צעצינדן זיך העל־בלויע פֿונקען,
וואָס טליִען דאָרט אייביק אין קעלער,
און ווערן פֿאַרוואַנדלט אין פֿלאַקערס,
און ווערן צעבלאָזן אין פֿלאַמען —
ווערט לײַב מיט אַ לײַב דאַן געשמאָלצן,
ווערט זעל מיט אַ זעל דאַן געפֿורעמט,
יוערט לעבן דאָרט ייִנגער און פֿרײַער,
אָן שלעסער, אָן קייטן, אָן צאַמען.

דער ריז און זײַן קנעכט

מיט האַרץ פון צעמענט און פון אײַזן,
מיט בלוט פון צעשמאָלצענעם קופּער,
ער הייבט זיך, און פאַרמעסט מיט די געטער,
אַלץ העכער, אַלץ ברייטער, אַלץ מערער.
ער זיצט אויף דער פּלייצע פון קעלער —
און יעדער פאַרנעם אין די הויכן,
און יעדער דערגרייך אין די וואָלקנס,
ווערט יענעם אַלץ ענגער און שווערער.

און זע: ווי אַן אָקס אין די יאָכן,
וואָס פּאָלגט אויס זײַן טרײַבערס באַפעלן,
פלעגמאַטיש, און פויל, און געהאָרכזאַם
שטייט קנעכטיש דער אייביקער קעלער.
נאָר ערגעץ ווו רעוועט אַ טיגער,
געפאַנגען אין שטײַג און פאַרשלאָסן,
און ס׳צינדט זיך זײַן בלוט אין אַ צאָרן,
און פלאַמט, און ווערט העלער און העלער.

שטרייק

נישט דאָס שאַרפֿע פֿײַפֿן פֿון פֿאַבריק,
נישט דער רוף פֿון מי, וואָס ברעכט דיר דעם געניק,
נישט דאָס בייזע קלינגען פֿון טראַמוויי בײַם ראָג
האָט אויפֿגעריסן מײַנע ברעמען הײַנט פֿאַרטאָג.
ס׳האָט אַ שטומס געטאָן מיך פֿון מײַן בעט הײַנט פֿרי
אַ רוף, וואָס האָט, ווי זשאַר, מײַן בלוט געטאָן אַ גלי,
און ווי אַ שטורעם מיך אַ הייב געטאָן פֿון אָרט,
און אויסגעקריצט אין רוים אַ פֿײַערדיקן וואָרט:
שטרייק.

איך בין אַרויס אין גאַס, און וועלט איז פֿרײַ און ברייט —
האָט פֿרײַ און ברייט מײַן ברוסט אַ זינג געטאָן פֿאַר פֿרייד.
אַ זינג — און אַ סאַלוט דעם מענטש, וואָס האָט דערקענט
די חשיבות און דעם זין פֿון זײַנע הענט.
האָט דאָס האַרץ אין מיר צעברויזט זיך פֿונעם גליק,
פֿון הערן ווי עס פֿלאַצן און עס פֿאַלן שטריק.
און זע: איך בין נישט איינער, נאָר איינער פֿון אַ סך,
און הייליק איז דער צוועק, און ליכטיק איז די זאַך —
שטרייק.

ס׳איז ווײַס און שוואַרץ די ריי, נאָר איין קאָליר האָט בלוט,
און האַרץ האָט איין געזאַנג, און איין דערוואַכטער מוט,
און יעדערער אין ריי — אַ מוטיקער סאָלדאַט,
וואָס קלאַמערט, ווי געווער, אַ ליכטיקן פּלאַקאַט.
און מעכטיקער פֿון שווערד, און שאַרפֿער פֿונעם שפּיז,
איז יעדעם וואָרט, וואָס שאַלט: ס׳האָט אויפֿגעוואַכט דער ריז!
און ס׳ציטערט טראָן און האַר, און ס׳ציטערט רײַך און זאַט,
ווען ס׳ווייעט אין דער לופֿט דער מעכטיקער פּלאַקאַט —
שטרייק.

אָ, ווי גוט עס איז צו שטיין היינט אין דער ריי!
און זיין ווי אַ סאָלדאַט אין דער אַרמיי,
וואָס זוכט נישט צו פאַרכאַפּן פרעמדן לאַנד,
און קריציקט נישט די וועלט פאַר שפּעקולאַנט,
און מיסטיקט נישט די ערד מיט מאַרך און טרער.
אָ, געבענטשט זאָל זיין דער איינציקער געפעכט,
דער הייליקסטער, דער קריג פאַר מענטשן-רעכט!
שטרייק.

אין נאַכטיקע שעהען

טײַערע מײַנע

(מײַן פּעניַן)

דײַן קאָפּ איז באַפליגלט מיט לויטערע טויבן,
דײַן שטימע וויברירט מיטן לאַסט פון די יאָרן,
נאָר דער פלאַם, וואָס דו האָסט אין מײַן האַרץ אָנגעצונדן,
וועט אייביק שוין ברענען, ווי דער אוראַלטער דאָרן.

ווי שווער ס'איז דער טראָט פון דער צײַט פון דער גרויער!
ווי פײַנלעך עס דריקן פאַרוואָלקנטע הימלען!
עס וועלקן חלומות, ווי דורשטיקע בלומען,
עס שלאָפן באַגערן, ווי קינדער, וואָס דרימלען.

און ס'פליען די טעג און פאַרשווינדן, ווי בליצן,
און ס'פרעסן, ווי יאָכן, פאַרנאַכטיקע זאָרגן;
עס שטומען, אין אימפעט פון כוואַליעס, געזאַנגען,
און ס'שרעקט אַזוי מאָנסטערשער בליק פון דעם מאָרגן.

נאָר, טײַערע מײַנע, ווי פול ווערט מײַן בעכער,
ווען כ'זע דײַנע אויגן, ווי צוויי קלאָרע ימען —
דו ביסט מיר אי חבר, אי שוועסטער געטרײַע,
דו ביסט מיר אויך גוטע און צערטלעכע מאַמע.

שוועסטער מײַנע

זאָג פֿאַרוואָס, אָ שוועסטער מײַנע,
קאָנסטו זיך קיין טרייסט געפֿינען? —
זע, ווי קנאָספּ האָט זיך צעעפֿנט,
זע, ווי ס'טראָגן גאָלד די בינען,

און די ווינטן טראָגן גרוסן
פֿון דעם פֿעלד, און וואַלד, און קוואַלן —
וואָס זשע ווײנסטו, שוועסטער מײַנע,
און דײַן געמיט אַזוי געפֿאַלן?

זע, די זון זי גלעט די זאַנגען,
באַלד וועט מען שוין קאָרן דרעשן.
ווײ געשריגן, דײַנע טרערן
קאָנען נאָך די זון פֿאַרלעשן!

איך האָב זיך פאַרבענקט נאָך דיר, מאַמע

איך האָב זיך פאַרבענקט נאָך דיר, מאַמע,
איך האָב זיך דערמאָנט,
כ'האָב קיינמאָל דײַן אָטעם געפילט,
דיך גאָרנישט געקענט. —
ווען איך בין געקומען, אָ, מאַמע,
ביסט שוין נישט געווען.
דער הימל אַליין האָט געטרויערט,
ווען דאָס איז געשען.
ווער ווייס, אפשר האָב איך שוין דעמאָלט
געאָנט דעם פאַרלוסט.
ווייל שווער איז געווען מיר, אָ, מאַמע,
בײַ אַ פרעמדער ברוסט,
ביטער געווען זענען נעכט דאָן
און טריבע די טעג.
די צײַט האָט געשלאָגן מיט צאָרן,
ווי כוואַליעס דעם ברעג.
אַ ווינט האָט, מיט שטורעם, אַ בייזער,
געטרייסלט דעם צאָם,
און עמעץ בײַם וויג האָט געאָטעמט
מיט נאַכטיקן סם...
און הײַנט — מײַנע טעג, ווי זיי לויפן
מיט אימפעט און ווּט!
ס'האָט לאַנג שוין גענומען זיך לעשן
דאָס פייער אין בלוט.

און הײַנט — איך בין גרוי און געבויגן,
ווי אַ בוים אין דעם ווינט,
און עס וויינט אַן עלנטער פויגל,
ווי אַ פאַרוואָרלאָזט קינד.
און שפּעט אין די נאַכטיקע שעהן,
עס יאָמערט מײַן ליד,
ווי אַמאָל אין דער קינדערשער בענקשאַפט
עס פלעגט יעדעס גליד.
ציטערט אַ טרער אויף די ברעמען,
און עס רופט, און עס מאָנט...
איך האָב זיך פאַרבענקט נאָך דיר, מאַמע,
איך האָב זיך דערמאָנט.

מײַן פֿאָטערס ניגון

געווען איז מיין פֿאָטער אַ בלאַסער —
אַ שטרוי אינעם ווינט פֿון פּאַרנאָכטן,
אַ שיפֿל אויף שטורמישן וואַסער,
אַ שטויב אין די פֿינצטערע שאַכטן.

נאָר אויגן — געלײַטערטער גלויבן —
צוויי העלע צעצונדענע ליכטער:
פֿאַר זינדער — אַ טרייסט און דערהויבן,
און טיפֿער רחמנות פֿאַר ריכטער...

געהילט אינעם טוי פֿון פֿרימאָרגן,
געדעקט מיטן פֿינקל פֿון שטערן,
דאָס האַרץ פֿול מיט ברידערשע זאָרגן,
די אויגן — מיט מאַמעשע טרערן,

אַזוי פֿלעגט פֿאַמעלעך ער שפּרײַזן,
איינזאַם, אַליין אין באַגינען,
און בעטן בײַ גאָט אים צו ווײַזן,
ווי אַ טרייסט און אַ הילף צו געפֿינען.

אין ווינקל פֿון שול פֿלעגט ער זיצן
געהילט אין זײַן טלית און תּפֿילין,
און ס׳פֿלעגט אין דער שטילקייט אַ בליץ-טאָן
אַ קלאַנג פֿון אַ ניגון אַ שטילן.

ווי אַ לויטערע טויב אין די רוימען
פלעגט פלאַטערן לאַנג דאָרט דער ניגון
און שפּרייטן אַרום זיך די טרוימען,
און צויבערן, גלעטן, פאַרוויגן.

נישטאָ שוין פון לאַנג אים, נישטאָ מער!
נישטאָ מער די שול און זײַן ווינקל.
אין טוי הערט מען איצטער זײַן יאָמער,
דער רוים פון זײַן טרער איז צעפינקלט.

נישטאָ שוין, נישטאָ אים פון לאַנג שוין!
און קיינעם, אין ווינט פון באַגינען,
קיינעם טוט לאַנג מער נישט באַנג שוין,
וואָס מ'קאָן זײַנע טריט נישט געפינען.

געבליבן איז אָבער דער ניגון,
ער פלאַטערט נאָך אַלץ אין דער לופטן —
עס זינגען אים קינדער אין וויגן,
און בלומען — פאַרשפּרייטנדיק דופטן...

מײַן שטעטל

קאָן זײַן, אַז איך האָב נישט קײן רעכט צו דערמאָנען
די הייליקע נעמען פון די, וואָס געפאַלן;
קאָן זײַן, אַז כ׳האָב נישט קײן רעכט גאָר צו רעדן
פון בלוטיקע טײַכן און טרעריקע קוואַלן —

ווײַל דאַן, ווען די קולות פון הילפלאָזע ברידער
זײ האָבן געהויכט זיך צו קופּערנע הימלען,
בין איך דאָך געזעסן אין רו און אין זיכער,
בין איך דאָך געזעסן פאַרוויגט אין מײַן דרימלען.

אָ, ברידער, איך וויים, אין די גרויליקע שעהען,
האָב איך אין דעם אומגליק מיט אײַך נישט געטײלט זיך,
דערפאַר טאַקע טיף איז מײַן צער, ווען כ׳דערמאָן זיך,
דערפאַר טאַקע קײנמאָל די ווונד נישט פאַרהײלט זיך...

געווען איז אַ שטעטל, געווען און נישטאָ מער.
געווען איז אַ לעבן אַ שײנס, און פאַרשווּנדן,
אַזוי ווי אַ שיף אויף צעשטורעמטע ימען,
אַזוי ווי אַ וואַלד אין די פלאַמען צעצונדן.

ס׳איז יעטוועדער שטויב אין דעם זאַמד דאָרט מיר נאָענט,
ס׳איז יעטוועדער שטײנדל אין ברוק דאָרט מיר אײגן;
עס האָט צו מיר דאָרטן אַ שוועסטער געזונגען,
עס האָט דאָך מיר דאָרטן אַ מאַמע געזויגן.

און אַלץ, וואָס עס שלאָגט איצט מיט ווערט אין מײַן האַרצן,
און אַלץ, וואָס עס איז אין מײַן זעל נאָר פאַרבליבן,
האָב איך דאָך מיט הויפנס דאָס דאָרטן גענומען,
האָב איך דאָך דאָס דאָרטן, ווי סאַפּירם געקליבן:

דער חדר, די שול, דער בית־מדרש, דאָס „שטיבל״,
קינדערשע טרערן, און קינדערשער שטיפן,
דער שול־הויף, דער מאַרק־פּלאַץ, די לאָנקעס און סעדער,
און שפּעטער די „סכאָדקעס״ אין וואַלד אינעם טיפן.

עס האָט מיר מיין טראָט און מײַן וועג מיר געוויזן,
עס האָט מיך מײַן לעבן געפירט און געפורעמט —
און אַלץ איז פאַרשוווּנדן, צעשטערט און צעטראָטן,
און אַלץ איז פאַרניכטעט, פאַרוויסט און צעשטורעמט.

ווער ווייס, אפשר טליען נאָך ערגעץ ווי פונקען
פון קינדער־און־מאַמעס׳ צעסמאַליעטע גלידער;
ווער ווייס, אפשר פלאַטערט נאָך אום אין דער לופטן
דאָס אַש און דער רויך פון פאַרפייניקטע ברידער.

און ס׳אָטעמט די וועלט איצט אַריין אין זיך רויִק
דעם אומקום פון דור, און פון ליכטיקן לעבן,
און האָט שוין, כמעט ווי פאַרגעסן דעם חורבן,
און האָט שוין דעם שונא כמעט ווי פאַרגעבן.

און איך — זאָל מיין האַלדז זײַן אויף אייביק פאַרטריקנט,
אויב כ׳וועל מער נישט זינגען פון חורבן די לידער,
ווייל מײַנס איז דער חורבן, און מײַנס איז דער טרויער,
און מײַנס — די פאַרפייניקטע שוועסטער און ברידער.

געווען איז אַ שטעטל, געווען און נישטאָ מער,
געווען איז אַ לעבן אַ שיינס און פאַרשווונדן,
אַזוי ווי אַ שיף אויף צעשטורעמטע ימען,
אַזוי ווי אַ וואַלד אין די פלאַמען צעצונדן.

זיי

שווער צו זײַן מיט זיי צוזאַמען,
שווער איז אויך צו זײַן באַזונדער —
זיי ברויזן אויף בײַנאַכט אין פלאַמען
און צאָלן חוב בײַטאָג אין ווונדער.

אַלץ נאָר, וואָס זיי ווען פאַרמאָגן,
און עס האַלט אויף זייער בנין,
איז פון מיר אַריינגעטראָגן,
איז מײַן נאָמען אויף דעם קנין...

דאָך דער חלף ווערט אַלץ גרעסער,
אַזוי נאָענט כאָטש מיר זענען,
אויף מײַן האַלדז ליגט זייער מעסער,
ווען מײַן שטראַל אויף זיי טוט שײַנען.

קושט מײַן מאַרך די טריט פון שטורעם,
וואָס קומט אָן וועלטן צו באַפרײַען —
בין איך דערנאָך דער בלײַ אין פורעם,
בײַ זיי די קומענס צו באַנײַען...

ווייל זיי קאָנען נישט פאַרגעבן,
וואָס אויפן וועג פון בוים אַרונטער,
האָב איך אַ גאָט זיי דאָן געגעבן,
און אַ סנה אין העלן צונטער.

גאַפן דורות דורך די פלאַמען,
און יאָרטויזנטער אין ווונדער —
שווער צו זײַן מיט זיי צוזאַמען,
שווער איז אויך צו זײַן באַזונדער.

אינהאַלט:

אָפענע פענצטער

איינמאָל גאַנץ פרי	9
אין אייביקן חונדער	10
נישט שטענדיק	11
חער עס האַלט זיינע טירן	12
באַלעראָ	13
מײַן חעלט איז אַן אייביקער חלום	14
מײַנע שטערן	16
דאָס ליד פון לעבן	17
פאַראַן אַזויפיל גוטסקייט	18
צום העלן פרימאָרגן	21
ווילט זיך לעבן	20
זינג איך מײַן ליד	22
ווי זאַנגען אין פעלד	24
אין פאַלאַץ פון גינגאָלד	25
אָן אַ ליד און אָן געזאַנג	26
איך און דו	27
ברידער מײַנע	28
חו נעמט מען דאָס וואָרט	29
אָפענע פענצטער	30
אַ נאַכט אַזאַ	31
דער גאַסט	33
און זיי קומען	34
אין צעשפרודלטער זונשײַן	36

מיט טוי אויף די ברעמען

אַן אָדע צו דער יוגנט	39
בלומען פון דער שעה	41
אין שפיטאָל	42
און ברויזט אויף דער מאָרגן	44
עס טרעפט זיך אַמאָל	45
פאַראַן אַזאַ פייער	46
אין דעמער	47
יאָגן זיך פערד	48
די ווײַטע חײַט	49

דאָס וואָרט איז מיין שאָטן 50
זע 51
טרוקענע קוואַלן 52
שאָטנס 53
משה לייב 57

אין דער זינדיקער שטאָט

דאָס ליד פון דעם זינדיקן 63
אין דער „סאַווע" 64
קאַסטאַניעטן 66
סעניאָריטאַ ריטאַ 68
לינדאַ 69
סוזיטאַ 70
נאַרציסאַ 71
טשינגאַרעלאַ 72
פיעסטאַ 73

ע ר אָ ס

חי אַ שוואַן 79
ווען דאָס לעבן רופט 80
עראָס 81
בלוט פון דיינע טרויבן 82
אַ סערענאַדע 83

מיט זשאַר אין די אויגן

צו די וואָס שטעלן זיך אַנטקעגן . . . 87
„האָראַ" 89
מיר זענען חי רינגען אין קייטן . . . 90

ס ק י ד ר אָ

סקידראָ 93
דאָס מיידל ביים ראָג 96
דער, חאָס שמייכלט 97
סקידראָ אין אָוונט 99
סקידראָ אין דער נאַכט 100
דער, וואָס פייפט 102
דאָס ליד פון דעם ציניקער 103

צווישן טאָג און נאַכט

ווער חייס 107
חען דו ביסט נישטאָ 109

ווען עס פאַלן די בלעטער 110
ביי דיין שוועל 111
ווו ביסטו געווען 112
שירה 113
אַליין 114
ביינאַכט 115
און וועט קומען דער טאָג 116
אפשר בעסער אַזוי 117
אין חלום פון טריט 119
ס׳מעג רויק שוין זיין דיין געמיט . . . 120
מיט נעגל און ציין 121
דער בוים אין מיין גאָרטן 122

ערשטע טריט

פערלדיקע טרערן 127
אַ מלאכל 129
האָב איך מיר אַ גאָרטן 131
טראָגט זיך אַ פויגל 132
איך וויל, אַז מיין קינד זאָל זיין פריי . 133
די ערשטע טריט 134

פאַבלען און פאָלקס-מאָטיוון

וואָרקע די טויב און געמיינטשע די קאַץ . 139
דער דלות און די קאַפּאָטע 141
באַרוט און צופרידן 143
דאָס ליד פון דער נייטאָרין 145
װעל איך אומגיין אויף די וועגן . . . 147

פון תהומען און הויכן

מדבר 151
הילא־מאָנסטערס 152
מיראַזש 153
דער װאַלד ברענט 154

דער קעלער

דער קעלער פאַרטאָג 159
ביימאָג 160
פאַרנאַכט 161
אין אָוונט 162
ביינאַכט 163
דער ריז און זיין קנעכט 164
שטרייק 165

אין נאַכטיקע שעהען

טײַערע מײַנע 169
שוועסטער מײַנע 170
איך האָב זיך פאַרבענקט נאָך דיר, מאַמע 171
מײַן פאָטערס ניגון 173
מײַן שטעטל 175
זײ 178

אין פאַרלאַג י. ל. פרץ־ביבליאָטעק זענען ביז היינט דערשינען פאָלגנדיקע ביכער:

י. זרבבל	בלעטער פון אַ לעבן (באַנד 1)
י. זרבבל	בלעטער פון אַ לעבן (באַנד 2)
מענדל מאַן	נאַכט איבער גלושינאַ
אברהם סוצקעווער	אין מדבר סיני
ישראל טאַבאַקמאַן	מיינע איבערלעבונגען
ש. בערלינסקי	בילדער און דערציילונגען
י. פאַפיערניקאָוו	היימישע און נאָענטע
מענדל מאַן	ביי דער ווייסל
ק. צעטניק	דאָס הויז פון די ליאַלקעס
יוסף בירשטיין	אויף שמאָלע טראָטואַרן (ראָמאַן פון קבוץ־לעבן)
יוסף ראָזען	געקליבענע שריפטן (העברעיש)
מלך נוי (ניישטאַט)	דאָס ערשטע און צענטע יאָר מדינת ישראל
מאַטעס דייטש	צום נאָענטסטן שטערן — יידיש
אפרים שרייער	קונסט און טעאַטער (העברעיש)
יצחק לעוו	אין געראַנגל (געקליבענע שריפטן)
מרדכי יפה	צען ישראל־דיכטער
יצחק פאַנער	שלום אַש אין זיין לעצטער היים
פרץ גראַנאַטשטיין	מענטשן פון נעכטן
יחיאל האָפּער	אַ הויף אויף פאָקאָרנע (באַנד 1)
יחיאל האָפּער	אַ הויף אויף פאָקאָרנע (באַנד 2)
ה. לייוויק	אויף צאַרישער קאַטאָרגע
נחמן דרוזדוב	אחד העם
עזרא קאָרמאַן	צייכנס און צירופים
י. לעשצינסקי	דאָס פּנים פון גלות־יידנטום (העברעיש)
יעקב פאַט	שמועסן מיט יידישע שרייבער (העברעיש)
רבקה באַסמאַן	טויבן ביים ברונעם (לידער)
י. צ. שאַרגעל	פון וויי און גלויבן
דוד זאַקאַליק	געראַנגל
א. קאַרפּינאָוויטש	דער וועג קיין סדום

א. ריוועס	מיט דער שיף „טשיטשערין"
יוסף כרמל	אַ רייזע צו פאַרשטויסענע ברידער
מ. בערלאַנד	300 שעות בגיטו הדועך
מרדכי אורן	דער פּראָגער אַרעסטאַנט דערציילט (באַנד 1)
מרדכי אורן	דער פּראָגער אַרעסטאַנט דערציילט (באַנד 2)
יהושע גלבוע	אויף די חורבות פון דער יידישער קולטור אין ראַטנפאַרבאַנד (העברעיש)
יחיאל האָפּער	ר׳ זלמן
הערש מענדל	זכרונות פון אַ יידישן רעוואָלוציאָנער
נ. ניר־ראַפּאַלקעס	ערשטע יאָרן
י. זינגער	דראַמאַטישע שריפטן
דוד פלאַקסער	אידעישע שלימותן און האַלבע אמתן
ש. וואַרזאַגער	ברויט (ראָמאַן)
בעריש ווײַנשטיין	אין דוד המלכס גיטער (פּאָעמע)
לוי פּאַפּיערניקאָוו	אין דער נייער היים
אברהם ליס	היים און דויער
ד"ר חיים שאָשקעס	מיט יידן צווישן אינדיאַנער, נעגער און אַראַבער
י. זרבבל	עלי חיים (באנד 1)
מ. וויסמאַן	50 יאָר אין אַמעריקע